בס"ד

# קרית ברסלב בלאט

שנה ה' נומער 191 | פרשת בראשית · תשפ"ד

וועלטליכע נייעס

די קצב המלחמה אין ארץ ישראל

גערדאנקען

א גרינגע לעבן

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

פארגינען א גוט ווארט

# בראשית

## הייב אן פון אנפאנג

אז מען הייבט אן מעביר סדרה זיין זונטאג, יעדן טאג איז מען מעביר סדרה אביסל פון די פרשה, דעמאלט ענדיגט מען דאס אין צייט; ווען עס קומט שבת האט מען שוין געענדיגט די סדרה. (עצתו אמונה שמות תשע"ח)



בילדער

פון יום טוב סוכות תשפ"ד

# קרית ברסלב בלעטל


**צום פינטל**
באַליידיגט אבער אנגעפילט
6



**היכל הקודש נייעס**
יום טוב סוכות ביים ראש ישיבה
10



**געדאנקען**
א גרינגע לעבן
14



**א טיפערן בליק**
גיימיר פירן די וועלט?
20




**סעודה מיט'ן ר"ר**
פרשת שופטים תשפ"ג
24



**בילדער**
בילדער פון יום טוב סוכות ביי אנשי שלומינו ארום די וועלט
36





רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
**לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:**
**077-530-9648**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו**
chizikyomi@rabbiroth.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע**
**בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161**
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
**בראשית כ"ט תשרי תשפ"ג**

**הדלקת הנרות ........... 06:02**
**מוצאי שבת ............ 07:31**

**מנחה מעריב פרשת נח ......... 07:05**

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן
**מו"ה שמעון עוזר גרינפעלד הי"ו**
**וזוגתו פיגא תחי'**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן
**מו"ה יודא אייזנער הי"ו**
**וזוגתו פיגא תחי'**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן
**מו"ה יואל משה עזרא פליישמאן הי"ו**
**וזוגתו שרה לאה תחי'**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב
**מו"ה יצחק אהרן ווינבערג הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## אידן רייסן איין בתפילה פאר די אידן אין ארץ הקודש

אין די צייט וואס אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם צאפעלט דאס הארץ מיט שרעק און קענען נישט צו זיך קומען פון די שמועות מבהילות וואס קומען אן פון ארץ ישראל, ווען רוצחים האבן באפאלן פילע שטעט נעבן די גרעניץ און האבן נעבעך אומגעברענגט אידישע קינדער מיט די גרעסטע מאס אכזריות און קאלט בלוטיגקייט, טרעפן אידן זייער איינציגסטע טרייסט אינעם אויבערשטן, ווען מען זעט אז די מערסט פארגעשריטענסטע שפינאזש כוחות זענען געכאפט געווארן אין א טאטאלע סורפרייז, ווען די רוצחים האבן זיך טרענירט אונטער זייער נאז, עס האט נישט געהאלפן קיין טאנקען עראפלאנען און אפילו נישט קיין אטאם באמבעס. אידישע קינדער האבן זיך אויפגעוועקט אויף זייער א ביטערע שווערע וועג אז מען קען זיך נישט פארלאזן אויף קיינעם נישט אויף די ממשלה נישט אויף די צה״ל און אפילו נישט אויף אמעריקע.

וויכטיג צו באמערקן די אפענע ניסים וואס האט פאסירט ווען די חאמאס טעראריסן האבן פראבירט צו שטורעמען עטליכע ישובים ווי מען היט שבת אין האבן עס נישט געקענט דורכברעכן דערנאך וואס דער צוים איז געווען פארמאכט פאר פארקער צוליב וואס

עס איז געווען שבת קודש, דאס דערמאנט וואס די גמרא זאגט אין מסכת שבת ״ווער עס היט שבת ווערט ניצול פון שעבוד מלכיות״.

אידן איבער די גאנצע וועלט רייסן איין תפילות פאר אחינו בני ישראל יושבי ארץ הקודש און אויף די פילע צענדליגע טויזענטע געסט וואס זענען דארט אז עס זאל זיי חלילה נישט פאסירן קיין שלעכטס, און אזוי אויך פאר די פילע פארכאפטע און פארוואונדעטע אז זיי זאלן זוכה זיין אהיים צו גיין צו זייערע משפחות געזונט און שנעל.

דער ראש ישיבה האט אין די טעג געשריבן שטארקע נקודות אין די בריוו וואס איז וויכטיג צו געדענקען אין אזא עת צרה: ״שטארקט אייך מיט אמונה, ווערט נישט פארלוירן און געבט אכטונג אין שטוב אויף די משפחה אויף די קינדער מען זאל נישט אריינפאלן אין א בהלה. מען האט יעצט הושענא רבה געבעטן: ״הושענא, נפש מבהלה הושענא״; דאס איז די גרעסטע צרה, אז מען פאלט אריין אין פאניק.

מיר זענען אלע מתפלל אז אלע וואס זענען ליידער געשעדיגט געווארן זאלן האבן א רפואה שלימה און די געפאנגענע זאלן באפרייט ווערן.

די אלע וואס בארומען זיך ׳אונזער מיליטער, אונזערע טאנקען, אונזערע שפיאנען׳; יעצט זעט מען ווי פארשעמט זיי זענען, נישטא קיין כוחי ועוצם ידי, ״אִם ה׳ לֹא יִשְׁמָר עִיר, שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר״ (תהלים קכז, א), מיר דארפן זיך פארלאזן נאר אויפן אייבערשטן, נאר ער איז אונזער היטער.

אשרינו אז דער רבי לערנט אונז א גאנץ יאר די ריינע אמונה און ווען עס קומט שווערע טעג - דעמאלט זעט מען אז די אלע וואס רעדן צום אייבערשטן און לערנען דעם רבינ׳ס ספרים זענען נישט קיין פליטעס, מען איז נישט פארלוירן, מען האלט זיך שטארק, מען בלייבט מיט א ישוב הדעת, און אנדערע וואס האבן נישט קיין צדיק אמת ווייסן נישט ווי זיך צו רירן אין לעבן מרוב פחד ובהלה; דאס דארף אונז געבן א שטופ צו גיין הפצה, פארשפרייטן דעם רבינ׳ס ספרים, עצות - פאר אלעמען.״

דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אידישע קינדער. מיר דאווענען פאר אלע וואס זענען פארוואונדעט געווארן זאלן האבן א רפואה שלימה, און אלע געפאנגענע וואס זענען ביי די הענט פון די רוצחים - זאלן באפרייט ווערן.

# שנים מקרא ואחד תרגום




## חזק חזק ונתחזק

"חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!" אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען מִיט זָאגְן דִי וָואךְ שַׁבָּת בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה מִיטְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף סֵפֶר זֶעט מֶען וָואס מֶען הָאט אִין דִי הַאנְט, מֶען הָאט נָאךְ אַ סֵפֶר פוּן דִי חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה; וֶוען מֶען פְרֶעגְט: "חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ?" קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן: "חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ", אִיךְ הָאבּ חוּמָשׁ אִין דִי הַאנְט.

עצתו אמונה מטות מסעי תש"פ

## הצלחה פאר די וואך

אַ שָׁאד זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; קוּק וִוי מִיר הַאלְטְן שׁוֹין, מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל בַּיי: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען פָאלְגְט וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - מֶען נֶעמְט אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אָנְהֵייבּ וָואךְ, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, בִּיז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן עֶנְדִיגְט מֶען אַ גַאנְצֶע סֵדֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר נֶעם אוֹיךְ אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג; הֵייבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, הָאט מֶען הַצְלָחָה".

עצתו אמונה ויחי תש"פ

## עס ברענגט יראת שמים

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם. לֵיידֶער לֵיידֶער קֶען מֶען אוֹיסְקוּקְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי וֵוייס אִיךְ וָואס, אָבֶּער מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנָּאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם בַּעַל עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֶען וִוי פְלַייסִיג זַיינֶע תַּלְמִידִים לֶערְנֶען אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מִנָּאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם: "זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!" הָאט דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ מֶען וִויל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם דַארְף מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י.

מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר רֶעדְן צוּ אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט מֶען

זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג - עֶרֶב שַׁבָּת, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס טוּ אִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ דִי וָואךְ? הָאבּ אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ? אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה יֶעדְן טָאג.

עצתו אמונה כי תבא לאומאן תש"פ

## לעבן מיט דער צייט

וַוארְט נִישְׁט אוֹיף פְרַייטָאג אָדֶער שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; הוֹיבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן מִיט דֶער צַייט"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוּן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם הִתְחַזְקוּת אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן.

עצתו אמונה לך לך תש"פ

## מעביר סדרה זיין פון זונטאג

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג הֵייבְּסְטוּ אָן דִי פַּרְשָׁה אוּן דוּ לֶערְנְסְט בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג לֶערְנְסְטוּ בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי עֶנְדִיגְסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִּימּוּד [ע' שנז]) מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואךְ נָאךְ וָואךְ אָן קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אָן קַיין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין - דַארְף מֶען טוּן אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה זָאגְט, דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

עצתו אמונה וארא תשפ"א

## די נייעס זאל זיין די חומש

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט דִי נַייעֶס אוּן נִישְׁט הֶערְן קַיין נַייעֶס; דִי אַלֶע וָואס הֶערְן נַייעֶס זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן וָואס עֶס גֵייט זַיין וְכוּ', דִי וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין נַייעֶס זֶענֶען רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן הֶערְן נַייעֶס; פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה קֶען אִיךְ נָאר בֶּעטְן אָבֶּער פוּן דִיר קֶען אִיךְ עֶס פַארְלַאנְגֶען, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע חֵדֶר, וִויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט הָאבְּן רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען, דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי רֵיינֶע נְשָׁמוֹת רֵיינְקֵייט, זוֹיבֶּערְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט.

דַיין נַייעֶס זָאל זַיין דִי חוּמָשׁ, דִי בְּלַאט גְמָרָא; דִי נַייעֶס זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער; חַס וְשָׁלוֹם רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן פָּאלִיטִיק, חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה אוּן פַארְקֶערְט; אַ יְשׁוּעָה זֶעט מֶען וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס.

עצתו אמונה לך לך תשפ"א

## א סגולה צו געהיילט ווערן פון אלע מחלות

יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין אִיזָאלִירוּנְג, מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁפַּארְט צוּלִיבּ דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע, אַלֶע לֶענְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן אוּן אַלֶע זוּכְן עֵצוֹת וָואס מֶען קֶען טוּן צוּ גֶעפוּנֶען אַ רְפוּאָה פַאר דִי מַחְלָה ה' יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען וָואס דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן הָאט גֶעזָאגְט (י"א נִיסָן, תשמ"ב) אַז דִי רְפוּאָה פַאר אַ נַייעֶ מַחְלָה וָואס מֶען וֵוייסְט נָאךְ נִישְׁט אַ רְפוּאָה דֶערְצוּ אִיז צוּ נוּצְן דִי סְגוּלָה פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ; זוּנְטָאג זָאל מֶען לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאֲמַר וִוי מֶען הֶערְט וִוי דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער רֶבִּי - דֶער רַיי"ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ גֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע מַחְלוֹת, צוּ לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אַייךְ.

עצתו אמונה טהרה שנת תש"פ



# צום פינטל



## בא'ליידיג'ט אבער אנגע'פיל'ט

ווי וואס ווען רעגן... אויף להכעיס רעגנט נישט דעם יום טוב... איך זיץ מיך אין מיין סוכה'לע... איך ווארט אפשר דאך אביסל רעגן... אפשר דאך וועט איינער זיך מחזק זיין מיט מיין ארטיקל וואס איך האב געשריבן לכבוד דעם יום טוב סוכות... אבער גארנישט, ממש ווי זיך אפגעשמועסט, א זינלאזער וועטער... איך טראכט אפשר אין קול מע טוט רעגענען... דארט קומען דאך פאר די אלע שרעקעדיגע געשעענישן, מלחמות אין אוקריינא, יעדע נייע סטרעין פון קאוויד באזוכט קודם דארט... איז אפשר דארט רעגנט אויף... אפשר דארט וועט זיך איינער מחזק זיין מיט מיין שיינער סוכות ארטיקל... איך וויל שוין אויפהייבן דעם טרייבל און קאלן הערן די וועטער באריכט... אבער איך געב זיך גלייך א דערמאן פון די לעצטע בריוו אין עצתו פון שבת שובה, שוין! פארפאלן רעגנט נישט... וועל איך מיך מוזן מחזק זיין אזוי אויך.

אבער מעסידזשעס און טעלעפאן רופן רעגענען היינט יא... עס הערט נישט אויף... די טעלעפאן הערט עפעס נישט אויף היינט צו באזזן... וואס גייט פאר? די סקעמער'ס ארבעטן אום חול המועד... ס'א חוצפה, ס'הערט נישט אויף... עפעס א 216 נומער, וואס פונקטליך וויל דער אינדיאנער פון מיר אינמיטן חול המועד... יא! איך בין מוסר מודעה פאר גאנץ מדינת הודו - אינדיע בלע"ז - יא! איך האב שוין עקסטענדעט מיין ווערענטי... און איך האב עי און בי העלט אינשורענס... וואס פונקטליך עס זאל מיינען... איך האב עס, און פערטיג, הערט אויף קאלן! אבער אז ער לאזט נישט אפ וועל מיר מוזן כאפן א שמועס מיטן מיטל-אזיאנישער... ווער ווייסט אפשר דאך וועט מען זיך קענען אביסל אונטערהאלטן, וועט מען יוצא זיין א שטיקל חול המועד האלטן...

איך שלעפ ארויס מיין טעלעפאן פון ביזעם, האלא! אה! אנטשולדיגט... זאג איך אים... אמממ... איך האב נישט געוויסט... איימסארי... אז איר רעדט אידיש... פשוט איך האב געזען א אינטערעסאנטע נומער האלט אין איין רופן, איך בין זיכער געווען אז מען רופט דא פונעם אנדערן זייט פאציפישער אוקיאן... ניין ניין! פילט אייך נישט שולדיג, הערט איך פונעם אנדערן זייט, איך האב חס ושלום נישט קיין טענות אויף אייך, עס איז פשוט אסאך יארן וואס איך האב שוין אזוי געוואלט אייך טרעפן, רעדן מיט אייך. יעצט אז ער האט ענדליך אויסגעפונען אז איך בין עס, האט ער געהאלטן איך איין רופן. מיר האבן פארפירט א שיינעם שמועס, עס איז געווען זייער רייך און אינטערעסאנט, אבער איך האב געטראכט אז פון דעם וועל איך נישט קענען מאכן קיין ארטיקל, ווייל מיר האבן באקומען א מעסידזש אויף די "צום פינטל" גרופ, אז קיינער זאל נישט שרייבן איידער מען וועט זיין אין צום פינטל אפיס, עס זענען דא וויכטיגע מעסידזשעס וואס מען דארף דורכקוקן בעפאר מען שרייבט, איך האב געטראכט אז לכאורה וועל איך נישט אזוי שנעל זיין דארט אין אפיס, איז מען וועט מוזן לאזן דעם שמועס פאר א אנדערע מאל.

ווען איך בין אנגעקומען אין אפיס האב איך געטראפן אזא געשיכטע, באלד ווי די סוכות בלעטל איז ארויס לאור עולם, האבן אנגעהויבן רעגענען אינעם צום פינטל אפיס צענדליגע טעלעפאן רופן, טייל האבן באגריסט דעם פאקט אז מען האט צוריק געעפענט דעם קאלום, טייל זאגן ווי שטארק עס האט זיי דערפרייט דאס הארץ, זעענדיג דעם רויטן באלי מיטן פייל געצילט צום פינטל... זיי האבן געוויסט אהה! עס גייט שוין זיין א שמחת יום טוב! אזוי ווייטער פולע

מעסידזשעס פון הערות און קריטיק.

איין טעלעפאן רוף איז געווען גאר אייגנארטיג - געבן זיי דארט איבער - דער רופער האט זיך אנגעגעבן אז ער איז נישט קיין צווייטער, נאר איינע פון די פאציענטן וואס איז געווען באשריבן אינעם פאריגן ארטיקל, ער האט געבעטן ער וויל רעדן מיט די שרייבער פונעם ארטיקל, אבער אזוי ווי די צום פינטל אפיס האט א פאליסי אז זיי האלטן די נעמען פון זייערע שרייבער זייער אין געהיים, האבן זיי אים נישט געקענט העלפן. וויפיל ער האט געבעטן און גע'טענה'ט אז ער מוז רעדן צום שרייבער האבן מען דאס בשום אופן נישט געקענט נאכגעבן, פשוט דערפאר ווייל זיי אליין ווייסן אויך נישט קיין איינצלהייטן ווער די שרייבער זענען...

אויף אזויפיל האבן זיי אים געקענט העלפן, מען האט אים געבעטן ער זאל איבערלאזן א מודעה וואס וועט אנקומען צום טיש פון אלע צום פינטל שרייבער, און עס איז צום האפן אז דער שרייבער וואס האט אים באשריבן וועט דאס אויך זען און אויב ער וועט וועלן וועט ער אים צוריק רופן.

נאכן זען אז ער האט נישט מיט וועמען צו גיין צום טיש, איז ער איינגעגאנגען אויף דעם, ער האט איבערגעלאזט א מודעה, פון דארט און ווייטער איז איבערגעגעבן געווארן פאר די אלע צום פינטל שרייבער און... ווען איך בין אריינגעקומען אין אפיס האב איך געטראפן א הערליכע ארטיקל גרייט צום דרוק, זעט אויס אז דער שרייבער האט יא עספיעט צו קומען אין אפיס געגוג פרי און ער האט טאקע גענומען די ווערטער פון דעם איד און געמאכט פון דעם גאר א באלערנדע ארטיקל.

***

הייינט אינדערפרי זיץ איך מיך רואיג אין מיין סוכה מיטן גמרא, אויך א קאווע צו די זייט, יעדע פאר מינוט א בייס אינעם קאצקע... אהה ווי נישט א מחיה'דיגע וועטער... איך קען כאטש לערנען אין סוכה אימגעשטערט, און פלוצלינג באקום איך א טעלעפאן רוף וואס האט מיך שאאקירט, עס איז מיר גוט געווארן... עס איז מיר פשוט גוט געווארן... ווייל איך שטיי און טראכט ווי אזוי קען איך באקן א גוטע מעשה, אן דעם וואס עס זאל ארויסרינען אז די מעשה איז א גוטען געבעקס, און דא קומט גאר דער בעל דין אליין און טענה'ט להד"מ... בדידי הוה עובדא... ער איז גאר דער בעל המעשה... איך מוז אייך זאגן ס'איז מיר באמת גוט געווארן! אבער איך האב געוויסט אז איינמאל איך בין אריין אין דעם ווינקל וועל דאס מוזן אויפעסן, פארפאלן.

מיט א געמאכטע רואיגקייט האב איך אנגעהויבן די שמועס, נאכן זיך פארענטפערן פארן נישט אויפהייבן, פשוט איך האב נישט דערקענט דעם נומער, האב איך אים באגריסט מיט א שיינע שלום עליכם, דער רופער איז נישט געווען קיין צווייטער נאר דער פאציענט וואס מיר האבן באהאנדלט אין שפיטאל זייענדיג אין קליוולאנד, דאס איז געווען שוין כמעט צוואנציג יאר וואס איך האב נישט געהערט פון אים, זייער אינטערעסאנט. ער דערציילט מיר די גאנצע השתלשלות ווי אזוי ער האט מיר געזוכט פאר אזוי פיל יארן, ער איז אזוי דאנקבאר. און שוין יארן וואס ער פרובירט מיך צו טרעפן אבער ער האט נישט געקענט געפינען קיין שפיר ווער וואס וואו איך געפין מיך. און ענדליך דורך די שיינע ארטיקל האט ער אנגעהויבן וועבן און נאכגעגאנגען, ביז ער איז אנגעקומען צו מיין נומער. ער האט נאך געהאט ספיקות צו איך בין דאס טאקע, אבער ווען ער האט געזען אז איך ענטפער נישט די טעלעפאן האט ער געוויסט אויף זיכער אז דאס מוז זיין איך.

מיר האבן פארפירט א שיינעם שמועס, ער זאגט מיר אז ער איז געבליבן וואוינען אין קליוולאנד, ער האט געטראפן גאר א וואוילער שידוך, און נאך שיינע זאכן וואס מיר האבן געשמועסט. דערנאך האבן מיר אנגעהויבן שמועסן וועגן דעם ארטיקל פון סוכות, ער זאגט אז עס איז נישט געווען עפעס ווייס'ח וואס. איך האב אים געזאגט אז גראדע האב איך יא אנגעהויבן שרייבן דערוועגן, אבער עס איז נישט פערטיג געווען אין צייט, ממילא האבן מיר די לעצטע מינוט געמאכט א צווייטע געדאנק.

עס האט אים אביסל ווייי געטון וואס איך האב געשריבן, ער טענה'ט אז די מעשה איז נישט געווען אזוי ווי איך האב עס אראפגעלייגט, זיי זענען טאקע געווען צוויי פאציענטן אינעם זעלבן שטוב, און דאס איז טאקע וואר אז זיי האבן געטראגן די ענדליכקייט אז זיי האבן געהאט די זעלבע מחלה, אבער דאס איז נישט אמת אז ער האט עפעס געהאט מיט די אלע אינטריגעס און שפיצלעך וואס דער אנדערער האט אפגעטון אין שפיטאל. עס איז געווען א טעות פונעם דאקטער. נאכדעם האט ער געזאגט אז דאס וואס איך האב געשריבן וועגן יענעם עס איז סאך ערגער געווען פון דאס וואס איך האב געשריבן. יענער האט געהאלטן אינאיין אונטעררייסן דעם דאקטער, ער איז געווען ברוגז אויף די וועג ווי אזוי דער דאקטער באהאנדלט אים, ער האט געהאלטן אז ער פארשטייט בעסער. און נאך מער פון דעם ער האט ליידער גורם געווען פילע טויטפאלן רח"ל, ער איז כסדר ארומגעגאנגען צו אנדערע פאציענטן און מסביר געווען אז עס איז נישט אזוי פשוט... און מען מוז נישט ממש פאלגן פונקטליך אלעס

וואס דער דאקטער הייסט.

ליידער זענען געווען מענטשן וואס זענען געווארן באנומען פון זייערע ווערטער, ווי נישט האט ער געמאכט א רושם פון א נארמאלער מענטש, איינער וואס האט אים נישט געקענט האט געקענט מיינען אז ער איז א נארמאלער, טייל מענטשן האבן טאקע אויפגעהערט מיטצוארבעטן מיטן דאקטער, איך ווייס חברים וואס זענען געווען אויפן וועג צו ווערן אויסגעהיילט און היינט זענען זיי שוין ליידער נישט בין החיים רח"ל.

עס איז מיר געווען א חידוש צו הערן די גאנצע זאך, איך האב אים געפרעגט ווי אזוי ער האט געהאט כח ווען מען האט אים געהאלטן אין איין באשולדיגן און מען האט געשריגן אויף אים, ווי אזוי קען זיין אז ער איז געבליבן און זיך געלאזט ווייטער באהאנדלען.

ער האט מיר געזאגט זייער פשוט, איך האב געוואוסט אז איך בין קראנק, און איך בין דא מיך צו היילן, געפעלט מיר יא געפעלט מיר נישט, דער איז מיין דאקטער און אויב וויל איך לעבן מוז איך אים הארכן.

דער אנדערע פאציענט איז געווען א אויבער חכם, ער האט געהאלטן ער פארשטייט בעסער פונעם דאקטער, זיין מצב האט מיך דערמאנט פון א קליפ וואס איך האב אמאל געזען פון פריערדיגע צדיקים, ווען איינער האט אים געברענגט א קריסטליכע בוך, און זיך אנגעגעבן אז ער איז געבוירן א איד, אבער ער האט זיך ליידער גע'שמד'ט, האט אים דער צדיק געזאגט אז א איד בלייבט א איד און ער איז פשוט קראנק. און ווען יענער האט צוריקגע'טענה'ט אז ער איז נישט קראנק, האט אים דער צדיק געזאגט אז א קראנקער וואס זאגט אז ער איז נישט קראנק איז נאך א גרעסערע רחמנות... ממש אזא פנים האט ער געהאט.

איך פרעג אים צו ער ווייסט עפעס וועגן יענער, וואו ער איז היינט אפשר קען מען יענעם אינטערוויו'ען... האט ער מיר געזאגט מיט א ביטערע שמייכל, דו ווילסט... מיר קענען גיין צוזאמען זיך משתטח זיין אויף זיין קבר... ליידער האט ער נישט איבערגעלעבט די מחלה.



עס האט מיר זייער ווי געטון די גאנצע מעשה, איך האב אים געפרעגט פארוואס ער האט נישט פראבירט צו רעדן צו אים, ער האט דאך יא געוואוסט אין וואסערע סכנה ער איז, ער האט געזאגט אז וויפיל ער האט פראבירט צו רעדן מיט אים, זענען זיינע ווערטער געפאלן אויף טויבע אויערן, ער האט מיך נאר געוואלט מסביר זיין וואסערע געפערליכע פלאץ דא איז, און ווי די דאקטוירים דא זענען אומענטשן, איך האב געזען אז פאר מיין געזונט מוז איך אפהאקן מיט אים.

איין שטיקל טובה איז יא ארויסגעקומען פון דעם וואס ער איז אנטלאפן פון שפיטאל, אז ער האט שוין נישט געקענט מער פארדרייען די קאפ פאר אנדערע פאציענטן. ברוך השם טויזנטער חולים זענען שוין געהיילט געווארן דורך די שטאב פון דאקטוירים. אוודאי די מעשה האט געמאכט א שטינק, עס איז ארויס א שלעכטע נאמען אויפן שפיטאל, אבער די וואס האבן נישט געקוקט וואס אנדערע זאגן זענען פאלקאם געזונט געווארן בעזרת השם.

איך אליין - זאגט ער - איך בין געבליבן אין שפיטאל, און אפילו שפעטער ווען איך בין געזונט געווארן, בין איך געבליבן אין קאנטאקט מיטן דאקטער, צו דער דאקטער האט מיר יא געשמעקט צו נישט, איך האב געוואוסט דער איז מיין דאקטער, ער האט מיך געפירט מיט א געזונטע וועג פון עסן שלאפן אזוי אז איך זאל נישט צוריקפאלן און בלייבן געזונט.

איך האב אים געפרעגט צו די מוסר השכל איז געווען אביסל אוועק פון פינטל, האט ער גענטפערט זייער קלוג, עס גייט געווענטליך צוזאמען, ווער עס קען נישט נעמען דאס וואס דער אייבערשטער געבט און ער האט טענות אויפן אייבערשטן, דער האט טענות אויפן צדיק און קען נישט נעמען ווען עס זעט אויס אז מען האט אים בא'עוולה'ט, אזוי זאגט דאך דער רבי "שתו בשמים פיהם" באמת וואלטן זיי געוואלט רעדן אויף דער וואס איז הימל, זיי דערוואגן זיך נישט צו רעדן אויפן אייבערשטן, איז "ולשונם תהלך בארץ" רעדן זיי אויף די צדיקים וואס געפינעם זיך דא אויף דער ערד.

אבער מיר איז עס געווען א גוטע לעקציע, איך דארף מיר מאכן א חשבון, אז איך באקום א גוטע וועג פון לעבן, אז מיין נשמה באקומט די ריכטיגע נערונג, איז אפילו עס שמעקט מיר נישט אלעס פונקטליך, וועל איך נישט ווערן באליידיגט אויף מיין דאקטער.



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

**mint COLLISION**

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

היכל הקודש

# נייעס

וויליאמסבורג

## שיינע יום טוב סוכות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א




גאר א שיינער יום טוב איז אריבער אויף אנשי שלומינו בצל הקודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, ווען מען האבן געשעפט פרישע כוחות און חיזוק פונעם יום טוב, וואס דאס וועט באגלייטן אויפ'ן גאנצן יאר.

עס איז נישט מעגליך אראפצושרייבן אויפ'ן פאפיר די געפילן פון הארץ פון די אלע וואס האט מיטגעלעבט דעם יום טוב מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, מיר וועלן פרובירן אין קורצן איבערצוגעבן ווי אזוי דער יום טוב איז אריבער, און אביסל פון וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן און מקבל זיין פונעם ראש ישיבה שליט"א.

### ערשטע טעג יום טוב

די ערשטע טעג יום טוב זענען אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט,ביידע טעג האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט פאר'ן עמוד מיט גרויס התעוררות און געשמאק ביי הלל, און געמאכט די נענועים און פארגעזאגט הושענות וואס איז געווען גאר דערהויבן.

א אינגערמאן האט זיך אנגערופן צום ראש ישיבה מוצאי ערשטע טעג נאך מעריב אז ווען מען קומט צום צדיק איז עס א נייע יום טוב פיל מיט געשמאק, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דער רבי זאגט דאס (ליקוטי מוהר"ן סימן קלה) מען ווערט מקורב צום צדיק הייבט מען אן צו שפירן די שמחה און קדושה פון יום טוב. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט פאר איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש האב איך געמאכט מיין סוכה מיט מעמיד דמעמיד דמעמיד... איך האב געהאט אלע חומרות, איך מאך נישט אוועק די אלע זאכן. אבער מוהרא"ש האט מיר אויסגעלערנט איך זאל זיך פרייען מיט'ן יום טוב אליינס, ברוך ה' איך בין א איד און איך גלייב אינעם אייבערשטן.

אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט פון די שוועריקייטן וואס איז דא צו קומען צום הייליגן רבי'ן. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן סימן רכח) מען קען נישט קומען צום צדיק נאר מיט מניעות, ווייל א צדיק וואס ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן מוז זיין גלות, ווייל אין מקבלין גרים לימות בן דוד.

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס איז געווארן לעצטענס א נייע זאך, מען גייט צו, צו פרועון פון אנשי שלומינו און מען באשולדיגט זיי "עס מוז זיין אז דו טשעפעסט דיין מאן, ווייל מען זעט אז ער האט געזוכט חיזוק, ער איז געגאנגען צו ברסלב..."

### יארצייט פון הייליגן רבי'ן

מאנטאג נאכט איז פארגעקומען די סעודת הילולא צו די יארצייט פון הייליגן רבי'ן. די סעודה איז פארגעקומען אין די גרויסע סוכה קעגן איבער דעם בית המדרש.

מען האט זיך געוואשן צו א ברייטע סעודה, מ'האט געזינגען דעם שיר ידידות וואס רבי יצחק ברייטער זצ"ל האט מחבר געווען. דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינע שמועס. דער ראש ישיבה האט געזאגט: די גאנצע וועלט לעבט פון הייליגן רבי'ן, אלע בעלי דרשנים וואס געבן היינטיגע צייטן חיזוק קומט פון הייליגן רבי'ן, אין די גאנצע וועלט קומט מען זיך צאם פראווען די הילולה. די עיקר וואס מען דארף ארויסנעמען אין אזא הייליגע טאג איז דאס וואס מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן אין דעם טאג, אז מען דארף לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים, וואס מיט דעם קען מען זיך פאררופן א ברסלבע'ר חסיד, אז מען לערנט דעם רבינ'ס ספרים וועט זיך אויפשטאפן די פארשטאפטע אדערן, מען וועט אנהייבן שפירן א געשמאק אין די מצוות וואס מען טוט יעדן טאג.

אויך האט דער ראש ישיבה אסאך ארומגערעדט פון די גרויסקייט פון רעדן צום אייבערשטן, וואס מיט דעם קען מען צוברעכן די פארשטיינערטע הארץ וואס מען האט.

דערנאך האט מען געטאנצט ביז שפעט אין די נאכט לכבוד שמחת בית השואבה

### חול המועד

ערשטע טאג חול המועד איז פארגעקומען א ברית פון הילד

<<<<

שלום נחמן נרו יאיר בן מו"ה משה אהרן שפילמאן הי"ו, דערנאך איז פארגעקומען די סעודת ברית אין די סוכה ביים חצר הבית המדרש

יעדן טאג חול המועד איז געווען גאר א ווארימע שחרית וואס דער ראש ישיבה האט פארגעזאגט הלל מיט די נענועים.

אויך האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא יעדן טאג, און מיט דעם מקיים געווען דעם חול המועד האלטן...

## הושענה רבה

גאר א גרויסע התעוררות איז געווען הושענה רבה. דער ראש ישיבה האט גערעדט צווישן איין הושענה אין די צווייטע, דער ראש ישיבה האט מעורר געווען אז יעצט איז גאר א גרויסע צייט, וואס מען שיקט ארויס דעם פסק דין פונעם מענטש, און עס לוינט זיך צו בעטן דעם אייבערשטן אויף א גוט יאר, בפרט האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן מען זאל האבן א געפיל צו אידישקייט, א געפיל צו רעדן צום אייבערשטן, א געפיל צו די תורה ומצוות.

אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט וועגן די טעלאפונס, יעדער מענטש דארף זיך באזונדער מתבודד זיין צו וויסן וואס ער האט צו טון בנוגע האבן א טעלעפאון מיט אינטערנעט, און וויאזוי דאס צו האבן און אזוי ווייטער, עס איז זייער שווער צו זאגן פאר א מענטש פונקטליך וויאזוי ער זאל זיך באגיין דערמיט.

אלע האבן מיטגעוויינט און זיך פארגענומען צו זיין גוט פון היינט און ווייטער.

## צווייטע טעג

א גרויסע עולם פון אלע שטעט זענען געקומען מיטהאלטן די לעכטיגע יום טוב אין ישיבה צוזאמען מיטן ראש ישיבה.

שמיני עצרת און שמחת תורה זענען אפגעראכטן געווארן הערליכע הקפות פאר לאנגע שעות ווי מען האט אויך געזינגען צווישן די הקפות מיט די קינדער, בפרט די אידישע ניגונים וואס ברענגט ארויס די בענקשאפט פון אידן צום אייבערשטן, און די גרויסקייט פון לערנען די הייליגע תורה.

שמיני עצרת ביי קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט: יעדע מאל זאגט מען אז יעצט איז די צייט וואס מען קען אלעס פועל'ן, איז ווען איז טאקע די גרעסטע צייט? נאר די תירוץ איז יעדן טאג איז די הייליגסטע צייט, זעט טו יעצט וואס דו קענסט.

ביי די ערשטע הקפה האט דער ראש ישיבה געזאגט: מיר גייען יעצט טאנצן די ערשטע הקפה וואס איז אנטקעגן מידת חסד, אויסלערנען פאר נאך א איד אז מען קען רעדן צום אייבערשטן.

דער הערליכער יום טוב האט איבערגעלאזט א שטארקע רושם אויף אנשי שלומינו וועלכע האבן געשעפט פרישע חיזוק והתעוררות צום נייעם יאר.

**בני ברק**

## פרישע וועכענטליכע קונטרס אשית עצות בנפשי



אין די טעג איז נתגלה געווארן א פרישע אור אין היכל הקודש וואס רופט זיך קונטרס "אשית עצות בנפשי". דער קונטרס וואס קומט שוין ארויס פאר עטליכע חדשים אין ארץ ישראל און ווערט געשריבן דורך מו"ה יואל לעווי שליט"א פון ארץ ישראל, האט יעצט בהסכמת הראש ישיבה אנגעהויבן צו פארשפרייט ווערן פאר אלע אנשי שלומינו.

די וועכענטליכע קונטרסים אנטהאלטן די ליל שישי שיעורים פון ראש ישיבה וואס זענען רעקארדירט געווארן איבערגעשריבן אין א גאר געשמאקע שפראך אויף א גרינגע לשון הקודש, און צוגאב ווערט צוגעלייגט נאך א שמועס פונעם ראש ישיבה ביי פארשידענע געלעגנהייטן.

דאס פילט אן א גרויסע חלל וואס האט נאך געפעלט ביז יעצט, ווי באקאנט פלעגט מוהרא"ש זאגן אז א זאך וואס ווערט נישט אפגעשריבן ווערט פארלוירן, אבער א זאך וואס ווערט געדרוקט בלייבט לדורות עולם.

דאס איז די ערשטע מאל וואס די גאנצע שיעורים פון ראש ישיבה ווערן געדרוקט, און ווי די ליינער זאגן גייט עס אריין אין די ביינער און איז משפיע חיזוק און אמונה. בפרט זענען זיך מחי' די וואס האבן נישט קיין געלעגענהייט צו הערן די שיעורים אויפן טעלעפאן, אדער די וואס ווילן לערנען די שיעורים אום שבת קודש, אדער די וואס פארשטייען נישט קיין אידיש.

מען קען עס באקומען ביי די מפיצים אין ארץ ישראל און אין אמעריקע. אדער קען מען עס בעטן אויף ushiseb@gmail.com.

אויך קען מען עס באקומען ביי ברסלב סענטער.



# מעשיות פון תפילה

## שלמה זולדן - בני ברק:

נאך אסאך תפילות בין איך געפארן צום לופטפעלד צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה. אלעס איז ברוך השם געווען גוט, איך בין אדורכגעגאנגען אלע פלעצער וואס מען גייט אדורך. ביים לעצטן דורכקוק האב איך אראפגעשטעלט מיין פאספארט, איך שטיי פאר די קאמערע, און דער טויער עפנט זוך נישט. איך פרוביר נאכאמאל און דעמאָלט איז געקומען דער אחראי און זאגט מיר צו גיין אין די זייט. ער זאגט מיר אז דו קענסט נישט ארויס גיין פון לאנד דו דארפסט רשות פון מיליטער (איך האב געהאט פאר דעם געפרעגט עסקנים און זיי האבן מיר געזאגט אז עס איז נישטא קיין שום פראבלעם) עס איז געווען מיטוואך ביינאכט איך האב געמיינט אז איך האב שוין נישט גענוג צייט אנצוקומען קיין אומאן אויף ראש השנה.

איך האב אָנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל אזוי שטארק זוכה זיין אנצוקומען קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, טאטע העלף מיר. איך האב גערופן עסקנים, זיי האבן פרובירט מיר צו העלפן, מ'האט מיר געזאגט אז איך וועל דארפן גיין אינדערפרי' אין די אפיס פון מיליטער. אינדערפרי' בין איך אהין געגאנגען, איך בין שוין אמאל געווען דארט, אבער יעצט האב איך עפעס נישט געקענט כאפן דעם וועג וואו צו גיין. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן דעם וועג, צום סוף בין איך אנגעקומען עטליכע מינוט נאך די צייט וואס זיי האבן געזאגט צו קומען. נאך לאנגע מינוטן האבן זיי מיר ברוך השם ארייגעלאזט און מיר ברוך השם געגעבן ערלויבעניש ארויס צו גיין פון לאנד.

יעצט האב איך געדארפט מאכן א פרישן טיקעט צו פארן, איך האב גערעדט מיט אונזער טייערער חבר ישראל דוד ברוקמאן הי"ו וואס פארשטייט אין די נושא, ער האט מיר געזאגט צו פארן צום לופטפעלד צו קויפן דארט א טיקעט.

איך בין אנגעקומען צום לופטפעלד, איך האב אנגעהויבן צו זוכן, איינער האט געזאגט קום צו מיר 20:50 און איינער האט געזאגט 21:50 בקיצור איך האב געזען ווייטער אז נאר תפילות קען דא העלפן.

ברוך השם נאך אסאך תפילות האב איך געפונען א טיקעט. די סך הכל פון די נסיעה ביז אומאן איז געווען זייער א שנעלע נסיעה - ווייניגער פון פערצן שעה.

ביים אנקומען אין אומאן האב איך נישט געוויסט וואו דער בנין פון היכל הקודש געפונט זיך, ווייל עס איז די ערשטע מאל וואס איך קום קיין אומאן. יעדעם וואס איך האב געפרעגט האט נישט געוואוסט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן. ברוך השם ביים סוף האב איך געטראפן דעם שאטל וואס האט געפירט די עולם אהין און צוריק פונעם בנין צום ציון.

## ישראל דוד העסקעל - לאנדאן:

איך האב שוין עטליכע מאל געוואלט געבן פונף הונדערט דאלער צו דרוקן ספר עצתו אמונה אבער קיינמאל איז מיר נישט אויסגעקומען. יעצט ביים קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה האב איך עקסטער מיטגענומען גענוג געלט אז איך זאל קענען געבן פאר עצתו אמונה.

למעשה גלייך ווען מ'איז אנגעקומען אין בנין היכל הקודש אין אומאן האב איך גלייך געדארפט באצאלן אפאר הונדערט דאלאר פאר די טרעין וואס איך האב געמיינט אז איך וועל עס קענען צאלן נאך די נסיעה, במילא איז מיר כמעט נישט געבליבן קיין געלט. איך האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן געלט צו קענען געבן פאר עצתו אמונה.

דעם קומענדיגן טאג איז מו"ה שבתי מארקוס הי"ו אנגעקומען אין אומאן, און אזוי ווי ער זעט מיך געבט ער מיר אריין אין די הענט פונף הונדערט דאלער "דאס איז פאר די ארבעט וואס דו האסט געטון פאר די רענט קאמפיין". שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט געבן $500 פאר עצתו אמונה.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן עֶס מַאכְט זִיךְ צוּמָאל אַז בָּחוּרִים רֶעדְן צוּ מִיר נִיבּוּל פֶּה, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי תַּמְ'עֶוַואטֶע, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן?

וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען בָּחוּרִים וִוילְן דִיר בְּרֶענֶען מִיט פֵייעֶר? **וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען מֶען וִויל דִיר שְׁטֶעכְן מִיט מֶעסֶערְס?** וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען מֶען קוּמְט צוּ דִיר אוּן מֶען וִויל דִיר פַארְ'סַמְ'עֶן? - וָואלְסְט דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן, אָדֶער וָואלְסְט אַלֵיינְס גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן?

רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אָדֶער הֶערְן **נִיבּוּל פֶּה אִיז עֶרְגֶער** וִוי וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אוּן צֶעשְׁטָאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ג): "בַּעֲוֹן נִבּוּל פֶּה", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, "צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", קוּמֶען בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן נֵייעֶ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט; "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים חַס וְשָׁלוֹם", יוּנְגֶע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", אַלֶע שְׁרֵייעֶן אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט זֵייעֶר גֶעשְׁרֵיי.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס דוּרְךְ נִיבּוּל פֶּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו, אֲפִילוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה, הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים פַארְזִיגְלְט אַ גוּטֶע גְזֵירָה פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר, צֶערַייסְט מֶען דִי גוּטֶע גְזֵירָה אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטְס, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם", אוֹיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה מַאכְט מֶען זִיךְ טִיפֶער דֶעם גֵיהִנוֹם.

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט הֶערְן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה זָאג אִיךְ דִיר צוּ דוּ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער
## ראש ישיבה שליט"א



## מְחוּתָּנִים

**אין א שמועס נאך שמחת תורה האט דער ראש ישיבה געזאגט:** עס איז אריבער א יאר און ברוך השם מיר זענען אנגעפילט מיט תורה - יעדער מיט זיינע שיעורים, דאס איז די גרעסטע שמחה; מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, 'שמחת תורה' אין געוויסע שול'ן ווערט מען צעלאזט און מען דרייט איבער דעם בית המדרש, מען מאכט ליצנות פונעם גאנצן דאוועגען און מען טרינקט ביז מען ווערט שיכור ווי לוט, מען קען זען אפילו מענטשן וואס זענען באזעסן און נארמאל, דאך מאכן זיי זיך משוגע וכו' וכו', פארוואס? פארוואס דרייט מען איבער דעם גאנצן בית המדרש? ווייל מען קוקט זיך אן און מען זעט זיך נאקעט פון תורה, ווערט מען זייער צעבראכן, ווייל מען האט גארנישט געלערנט א גאנץ יאר, דערפאר טרינקט מען זיך אן און מען ווערט צעווילדעוועט און מען מאכט ליצנות פונעם גאנצן דאווענען.

אבער ברוך השם ביים רבי'נס היכל שיכור'ט מען נישט, ווייל מען האט מיט וואס זיך צו פרייען; מען לערנט א גאנץ יאר יעדן טאג אביסל חומש, אביסל משניות, א דף גמרא וכו' וכו'. עס איז געווען אזוי שיין די הקפות אין ישיבה, יעדער האט זיך געפריידט מיט די תורה, בחורים און אינגעלייט האבן געטאנצן מיט די תורה מיט אזא שמחה אזוי ווי גרויסע רבי'ס וואס טאנצן פאר טויזענטער חסידים, ווייל זיי האבן זיך געשפירט ווי די גרעסטע מחותנים ווייל זיי האבן געלערנט תורה א גאנץ יאר.

(מכתב ערב שבת בראשית, שנת תשע"ז)

משה ארי׳ שניצלער

# א קלוגע לעבן





ווער איז קלוג? וואס איז קלוג? ווען איז גוט צו הערן? וואס איז גוט צו ליינען?

אז מ׳לעבט מיט א צדיק, אז מ׳פאלגט ערליכע אידן הייבט מען אן צו כאפן ווער ס׳איז קלוג, קלוג איז נישט דזשאן גרישאם, קלוג איז נישט מייקל ווינער (א.ק.א. מייקל סעוועדזש) קלוג איז נישט אייזיק ניוטאן, קלוג איז נישט הענרי קיסינדזשער און אפילו נישט אלבערט איינשטיין.

מילא וועגן אלבערט איינשטיין האט דאך שוין דער הייליגער רבי געזאגט אז אלע וואס ברענגען גרויסע חכמות אויף דער וועלט האבן צו דער זעלבער צייט מיטגעברענגט מניה וביה גרויסע חורבנות.

נו, ווער איז קלוג? די צדיקים זאגן אז קלוג איז מען נאר פון די הייליגע תורה, נאר תורה איז שכל, אלעס אנדערש איז שווארצע געטריקענטע רעטעך.

קלוג איז רבי שמעון בר יוחאי, קלוג איז דער הייליגער בעל שם טוב ותלמידיו הקדושים, קלוג איז דער בארדיטשובער רב און צאנזער רב, קלוג איז דער הייליגער קדושת יום טוב און דער הייליגער ישמח משה, קלוג איז שלמה המלך.

קלוג איז די תורה. די תורה זאגט אדם לעמל יולד. און די ניגון זינגט זיך אזוי געשמאק: אשרי מי שגדל בתורה ועמלו בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו, יעדער מענטש מוז זיך פלאגן, וואיל איז דער וואס זיין עמלות איז אין תורה.

נארמאל טראכטן מענטשן אז עמלות בתורה איז אז מ׳מוטשעט זיך צו טרעפן א תירוץ אויף א קושיא אין תוספות, אדער אז מ׳מוטשעט זיך צו זיצן נאך א שעה אויף די גמרא, אפילו ווען מ׳האט נישט קיין געדולד.

ס׳איז דא נאך א פשט, עמלות בתורה מיינט אויך אז מ׳מוטשעט זיך צו מקיים זיין א מצוה, למשל, איינער גייט אויפ׳ן גאס און ס׳איז אים שווער זיך צו היטן די אויגן, און ער טראכט איך גיי פרובירן פאר פינף סקונדעס צו היטן די אויגן, דאס איז אויך "אשרי מי שעמלו בתורה".

מ׳קען זיך נישט ארויסדרייען פון





עמלות, אדער וועסטו ארײנלײגן דײן עמילות צו כאפן מצוות, אדער וועסטו ארײנלײגן דײן עמילות צו פארדינען צען מיליאן דאלער אין צען יאר, און דערנאך עס אינוועסטירן, און פארלירן, און מ'בלײבט מיט גארנישט.

שימעלע דרימעלע האט געארבעט אין פאבריק פון אשר'קע צוקערקע. אשר'קע האט פארשטאנען צו זיסווארג, פלעגט ער ערציגן אלע ערליי צוקערלעך: קאצקעלעך און קוגעלעך, לעקער'לעך און שמעקער'לעך.

די מערסטע פלעגט ער פארקויפן פון די לעקערס וואס האבן געשמעקט פון יאגדעס, די געזונטע מענטשן וואס האלטן פון פרוכט פלעגן קויפן ריזיגע קוואנטומס פון די יאגדעס (כ'מיין צו זאגן פון די יאגדעס לעקערס) אז אט די הייפערעקטיוו קינדער וואס לײדן פון ווייניג צוקער זאלן זיך ארויסקייקלען פון זייער שרעקעוודיגע צוקער-מאנגל.

שימעלע דרימעלע האט געהאט א מורא'דיגע מעלה, אז יעדעס מאל וואס אשר'קע איז געקומען באאבאכטן זײן ארבעט האט ער "פונקט" געהאלטן אינמיטן כאפן א דרימל.

אשר'קען האט עס נישט געשטערט, ווייל למעשה איז די ארבעט געווארן געטון, פרעג מיך נישט ווי אזוי, אבער אז די ביזנעס פארט על מי מנוחות, זאל דרימעלע דרימעלען, ווילאנג די

**אבער אז די ביזנעס פארט על מי מנוחות, זאל דרימעלע דרימעלען,**



פרוכט-ליבהאבער האבן גענוג יאגדעס לעקערלעך.

איין טאג קומט שימעלע ארײן צו אשר'קעס ביורא און ער בעט אים אפשר קען מען מאכן מײן ארבעט אביסעלע גרינגער?

ס'הײסט?

פשוט! אנשטאט איך זאל דארפן פראדוצירן הונדערט קעסטלעך יאגדעס לעקערס א וואך, אפשר קען איך אראפ גײן צו נײנציג, כ'האב שוין נישט קײן כח, נאך אזויפיל יאר.

גוט! גע'פועל'ט!

ס'האט נישט געשמעקט פאר אשר'קען, אבער ער האט געטראכט "דאנ'ט ראק דהי באוט" שאקל נישט די שיף, צורידער נישט די ביזנעס. ונראה מה יהיה








חלומותיו. לאמיר זען וואס האט שימעלע דרימעלע אפירגעדרימלט? וואס שוועבט אין זיינע מח קעמערלעך?

פיר וואכן שפעטער, אין א ברוינעם דינסטאג, שימעלע דרימלט אריין דרימלדיגערהייט אין אשר'קעס ביורא.

אפשר קען מען אראפ גיין צו אכציג? איך בין שוין נישט דער אמאליגער שימעלע דרימעלע, ס'שוין יענס דרימל..........

גוט!

אינעווייניג איז אשר'קע צוקאכט און צובושעוועט, אבער ער ווייזט עס נישט ארויס.

גע'פועל'ט! זאל זיין אכציג!

שימעלע'ס פנים שטראלט ווי א פינקלדיגע שטערן אינמיטן די טונקלקייט פון די נאכט.

פיר וואכן שפעטער.....

קענסט מיר מאכן אביסל גרינגער?

אשר'קע האט נאך "אין זיין לעבן" אזוי נישט געשריגן!!!!!!!!

איך מאך דיר עס "אינגאנצן" גרינגער און לויף אוועק פון דא צו די רויטע פעפער, דו צוריקט אינגל!!!!!

אשר'קע קען נישט אטעמען פון אויפרעגעניש, "דו מטורף'דיגער באשעפעניש!!! לויף וואו די אויגן טראגן דיך!!!!!"

שימעלע'ס לעבן איז שוין "אינגאנצן" גרינגער!

יעדער מענטש האט שווערקייטן אין לעבן, אבער מיט תפלה, מיט אמונה, איז עס גרינגער.



וויפל מאל האט מוהרא"ש אונז געזאגט אז מלאכים איז דא גענוג. די שיינקייט פון א מענטש איז אז אינמיטן די שוועריגקייט ווייסט ער אז דער אייבערשטער איז מיט אים.

ווי גרינג ווילסטו דיין לעבן זאל זיין? "אינגאנצן" גרינג? אבער דער אייבערשטער האט דאך אזוי סאך נחת ווען א איד דערהאלט זיך אין זיינע פראבלעמען.

אבער מאך נישט קיין טעות, סאו איך טאר נישט בעטן אויף א גרינגערע לעבן?

פארקערט! ס'איז א מצוה צו בעטן דעם אייבערשטן א גרינגערע לעבן.

נאר ביז די ישועה זאלסטו וויסן אז אלעס איז מיט א חשבון.

פון איין זייט איז א מצוה צו בעטן אלעס וואס מאכט גרינגער, פון די אנדערע זייט, אויב איך האב נאכנישט באקומען וואס איך בעט וייס איך אז דער אייבערשטער ווייסט וואס ער טוט. דער אייבערשטער איז פול מיט רחמנות. צדיקים ווייסן וואס טוט זיך אין הימל. אין הימל האט אלעס א קלארע חשבון פון אנהייב ביז'ן סוף, און צדיקים לערנען אונז אז ווער עס קלעבט זיך צו צו אמונה האט א גרינגערע לעבן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איש אמונות רב ברכות. לאמיר בעטן "הייליגער באשעפער העלף איך זאל לעבן מיט אמונה, העלף איך זאל טראכטן אז דו ביזט דא און דו קוקסט אויף מיר. הייליגער באשעפער נאר דו קענסט מיר געבן א גרינגערע לעבן".

בעזרת השם יתברך

פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן
א הערצליכן מזל טוב
פאר אונזער חשובער

# ראש ישיבה שליט"א

## צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה זאל זען אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט אמן.

ווי עס וואונטשט

קרית ברסלב בלעטל



# א מעשה
## פון א צדיק

### מַיין אֱמֶתְ'ע הֵיים



אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָאהְרְן אִינְטֶערְוֶועגְנְס מִיט אַ מֶעל סוֹחֵר מִיט זַיין וָואגְן פוּל מִיט סְחוֹרָה פוּן מֶעל, פְּלוּצְלִינְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גִיסְן אַ שְׁלַאקְס רֶעגְן, און דִי מֶעל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט בַּאדֶעקְט, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן נַאס, אַזוֹי אַז צוּבִּיסְלִיךְ אִיז עֶס גֶעוָוארְן אַ טֵייג. דֶער סוֹחֵר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרֶעכְצְן: אוֹי אוֹי וֶוען קוּמְט מֶען שׁוֹין אָן צוּם קְרֶעטְשְׁמֶע. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶוען עֶס גִיסְט אוֹיף דִי וֶועגְן, הֵייבְּן אָן דִי פֶערְדְן גֵיין שְׁטַאטֶער און שְׁטַאטֶער פוּן דִי פוּלֶע בְּלָאטֶעס וָואס וֶוערְט אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן דִי רֶעגְן, הָאט דֶער סוֹחֵר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ מֶער צוּ קְרֶעכְצְן: וָואס וֶועט זַיין דָא יֶעצְט מִיט מַיין גַאנְצֶע סְחוֹרָה פוּן מֶעל וָואס אִיךְ הָאבּ דָא מִיט מִיר?

רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אַלֶעס מִיטְגֶעהַאלְטְן און עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: דַיין תַּכְלִית עֶנְדִיגְט זִיךְ וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִין קְרֶעטְשְׁמֶע, אָבֶער מַיין תַּכְלִית אִיז אַסַאךְ וַוייטֶער פוּן דֶעם, דָאס הֵייסְט יֶענֶע וֶועלְט אִיז מַיין תַּכְלִית, דַארְפְסְט קְרֶעכְצְן אַזוֹי: אוֹי אוֹי וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אַהִין.

(ספר אילן החיים אות קיב)



רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל אִין אַ קַאלְטְן ווִינְטֶער טָאג גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג מִיט ר' אֶפְרַיִם בֶּן ר' נַחְמָן ז"ל, און ר' אֶפְרַיִם הָאט אַ גַאנְצְן צַייט גֶעקְרֶעכְצְט און גֶעזָאגְט: וֶוען קוּמְט מֶען שׁוֹין אָן אִינְדֶערְהֵיים.

הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט: וָואס וֶועט זַיין וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען אַהֵיים, דוּ וֶועסְט דָארְט הָאבְּן אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אָנְקוּמֶען צוּ מַיין אֵייבִּיגֶע הֵיים - וֶוען קוּמְט מֶען שׁוֹין אָן צוּ דִי אֱמֶתְ'עֶ הֵיים. אַזוֹי פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן אַרַיינְלֵייגְן אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל גֶעדֶענְקְן פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

(ספר אילן החיים אות קיא)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- מ"ט -**

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** אִין יֶענֶע צַייט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט געוואוינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אַ אִינְגֶערְמַאן מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אַהֲרֹן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִידוּשׁ, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ לַמְדָן. עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוָוארְן דֶער רָב אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. אוֹיךְ אִיז ר' חֵייקְל חַזָן דֶעמָאלְט נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן מַמָשׁ ווִי אַ שְׁטוּבּ מֶענְטְשׁ בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיים רֶבִּי'ן. אוֹיךְ זַיין בְּרוּדֶער, ר' יִצְחָק, אִיז דֶעמָאלְט נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן.

* * *

אוֹיךְ דָארְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעפַאסְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט געוואוּסְט פוּן דֶעם - אֲפִילוּ אוֹיךְ נִישְׁט זַיין וַוייבּ - נָאר דֶער מְשָׁרֵת.

דִי אַלֶע עֶסְן וָואס דֶעם רֶבִּינְ'ס וַוייבּ הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן מְשָׁרֵת אוּן עֶר הָאט עֶס אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט בַּאשְׁוואוֹירְן דֶעם מְשָׁרֵת עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַאר קֵיינֶעם אִיבֶּער דִי תַּעֲנִיתִים.

אַזוֹי ווִי ר' חֵייקְל פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹיפִיל דְרֵייעֶן בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעכַאפְּט וָואס דָא גֵייט פָאר, אַז דֶער רֶבִּי פַאסְט אוּן דִי אַלֶע מַאֲכָלִים עֶסְט דֶער מְשַׁמֵשׁ אוֹיף, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר קֵיינֶעם.

אֵיינְמָאל אִיז ר' חֵייקְל אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִין אַ מִיטְוָואךְ, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ, וַוייל עֶר הָאט דַאן גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן וֶוען ר' חֵייקְל הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "רֶבִּי, עֶסְט עֶפֶּעס, וַוייל אִיר זֶענְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן אוּבּ וֶועט אִיר נִישְׁט עֶסְן, וֶועל אִיךְ אוֹיסְזָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז אִיר פַאסְט".

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל עֶפֶּעס עֶסְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "נוּ חֵייקְל, גְרֵייט צוּ אַבִּיסְל יוֹיךְ [זוּפּ]".

ר' חֵייקְל אִיז גְלַייךְ אַלֵיין גֶעלָאפְן מִיט אַן עוֹף צוּם שׁוֹחֵט, מְ'הָאט גֶע'שָׁחְטְ'ן דֶעם עוֹף, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק הָאט עֶר שׁוֹין גֶעפְלִיקְט דִי פֶּעדֶערְן, אַז עֶר זָאל עֶס גְלַייךְ קֶענֶען כָּשֵׁר מַאכְן אוּן צוּגְרֵייטְן אַ זוּפּ פַארְ'ן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר צוּגֶעיָאגְט צוּצוּגְרֵייטְן דִי פְלֵיישׁ, אוּן אָפְּקָאכְן דִי זוּפּ, אַזוֹי אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט דִי זוּפּ, אוּן עֶר הָאט עֶס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "נוּ חֵייקְל, יֶעצְט זִינְג דֶעם פְרוּמֶען נִיגוּן" [דֶער נִיגוּן וָואס מְ'זִינְגְט אִין בְּרֶסְלֶב אוֹיף "מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא"]. וֶוען ר' חֵייקְל הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם נִיגוּן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִינְגֶען נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. דֶערְוַוייל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען ר' חֵייקְל הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם נִיגוּן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעוִויזְן מִיט דִי הַאנְט עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

בִּיז צוּם סוֹף הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין קוּקְן ווִי הַאלְט דִי נַאכְט, ווִיפִיל אַזֵייגֶער עֶס אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז סְ'אִיז שׁוֹין דֶער עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אַזוֹי לַאנְג הָאבְּן זֵיי זִיךְ פַארְזוּימְט מִיט דְבֵיקוּת מִיט דֶעם נִיגוּן.



דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי זוּפּ אוּן עֶס נִישְׁט גֶעגֶעסְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט זַיין תַּעֲנִית בִּיז סוֹף וָואךְ.

אַזוֹי ווִי גָאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דוּרְכְ'ן רֶבִּי'ן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע גֶעפָארֶערְכְץ צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַ שְׁטִיקְל מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן פוּן דִי רַבָּנִים פוּן שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער דָארְט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ מְקוּרָבִים אוּן יְדִידִים, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזִינְגֶען בַּיים טִישׁ דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִילִים קכ"ד) **"לוּלֵי ה' שֶׁהָיָה לָנוּ"** אַסַאךְ מָאל, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם עוֹלָם אוּן גֶעזָאגְט, "אִיר וֶוערְט נָאכְנִישְׁט גֶערֶעכְנְט ווִי מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל סְ'וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן מִיר אוּן קְרִיגְן אוֹיף מִיר, אוּן וֶוער סְ'וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט דֶערְהַאלְטְן אוּן בְּלַייבְּן בַּיי מִיר, עֶר וֶועט אֱמֶת'דִיג זַיין פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**

# גיימיר פירן די וועלט?



ישראל דוד העסקעל

ס'איז דא די באקאנטע ווערטל אז ס'איז אמאל געווען א פארפאלק וואס ביי זיי אין שטוב איז געווען יעדן טאג ששון ושמחה, אלע שכנים האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן די טעגליכע צערעמאניע פון ווער איז גערעכט!

קלוג זענען זיי געווען, און נאכן אויסנוצן צוויי סעטס דישעס פון זיין גערעכט האבן זיי מחליט געווען צו איינקויפן נאר דיספאזעבל, אזוי ווען ס'קומט די צייט פון זיין גערעכט און ס'הייבט אן פליען טעלערס וועט עס כאטש נישט אזוי שטארק וויי טון...

יענע וואך מיטוואך אוונט פונקט ווי יעדע אנדערע מיטוואך, גייען זיי ארויס אזוי זיס אינאיינעם. און פארשטייט זיך דער מאן ווי א ריכטיגע דשענטלמאן עפענט אזוי שיין די טיר פון די קאר פאר זיין ווייב און זיי שמייכלען אזוי זיס. נער'ישע שכנים קוקן מיט קנאה ביים פענסטער אויף די זיסע צוקער'דיגע קאפל וואס מענעדשט זיך צו האלטן שנה ראשונה'דיג.

זיי פארן צום אלטן מיידל וואס א האלבע טאג איז זי גאר גאר אן אויסגערופענע חינוך מבין, און האט שוין ארויסגעגעבן עטליכע ביכער אויף די ריכטיגע וועג פון חינוך. און זיי זאגן אז גראדע מיינען זיי אז ס'שטומט אויך אפילו תורה'דיג....



און די אנדערע האלב טאג איז זי גאר גאר א גרויסע מבין אין שלום בית, און האט שוין באוויזן ארויסצוקעשן גאר גאר אסאך שווערע אפגעהארעוועטע געלטער פון פארלוירענע מענטשן, וואס בשכר זאת איז זי געזעסן און געשריבן סודות נשגבות אויף א פעד, בשעת א קאָפל צעוויינט זיך אז זיי וויל לעבן אינאיינעם בשלום, זיי ווילן עס מאכן ארבעטן אבער זי איז גאר שיין מסביר סוף די דריי פערטל שעה "יו ניד עי ברעיק"...

בקיצור די קאָפל איז אויפן וועג צום גרויסן גרעסטן ריזיגסטן מומחה וואס די שוועגערין וואס איז שוין גע'גט פופצן יאר זאגט אויך אויף איר אז זי איז די גרעסטע און בעסטע מערידזש קאונסלער וואס איז נאר דא!

די קאפל זיצט שוין דארט אינעוויינינג ביי



איר אין אפיס, די מאן איז גאר שטארק פארגאפט פונעם פיש טענק. די פרוי מוז ווייסן פון וואו דער הויך שפיציגע טערעפיסט האט פארשאפט אזוינע שיינע פלענטס...

נאכן חוקר ודורש זיין פונקטלעך די שורש פונעם פראבלעם פארוואס טאקע איז דא נעגעטיוו ענערדשי איז דער אויסגעשפוצטע מומחה זיי מייעץ מיט גאר א מורא'דיגע עצה אז די מאן וועט קעיר נעמען פון אלע קליינע דעסישענס און די פרוי פון אלע גרויסע שווערע און מער קאמפליצירטע דעסישענס!

אזוי האבן זיי אנגעהויבן לעבן א חיים טובים, ער האט באשלאסן אלע טאג טעגליכע קליינע דעסישענס, און זי האט געמוזט זיצן מיט א פארמאכטע מויל און זאגן אמן אויף אלע זיינע איידיעס ווייל אזוי האט דאך די מומחה שבמומחי המומחים געזאגט!

איין גורל'דיגע טאג האבן זיי געוואונען די לאטערי! יא די מעגא מיליאנס! זיי זענען געווארן עשירים מופלגים איבערנאכט. די פרוי טוט זיך אן איר ספעציעלע מחותנ'סטע היטל' זי קלארט זיך אויס די האלז ס'איז ענדליך איר רייע צו קענען האבן עפעס א ווארט אין איר לעבן. די לאטערי איז דאך לכולי עלמא א ריזיגע דעסישען' וואס טוט מען דא מיט די געלט?

זי האט אנגעגרייט פלענער מיט ליסטעס על גבי ליסטעס, אלעס איז געווען קלאר אויס גע'חשבונ'ט און מסודר פונקטליך ווי יעדע פעני גייט גיין. ביז די מאן קומט אהיים און הייבט אן טיילן דעות, די געלט גייט דא און דאס גייט מען אינוועסטן, ער גייט שוין מנדב זיין בנינים, די קאפ פליעט אים שוין וואס טוט מען דא מיט אזא אוצר.

די ווייב געבט אים א זאג: אנטשולדיגט מחותן, אבער די גרויסע דעסישענס געהערט צו מיר, יעצט פאק איין און איך וועל איינטיילן פונקטליך וואס מ'טוט מיט יעדע פעני!

נא נא נא רופט זיך די מאן אן דאס איז נישט קיין גרויסע דעסישען! לאטערי?! אפאר נער'ישע דאלאר, מע דאס איז דאך ממש קליינקייטן, גרויסע דעסישענס איז אויב זאל צפון קאריע ווארפן א נוקלעארע באמבע! דאס זענען גרויסע דעסישענס וואס באלאנגען פאר דיר!

זייער א זיסע וויץ... אבער ס'מאכט נישט קיין ברעקל סענס ס'איז קריִמינאל נישט אריין אין מיין קאפ וואס האט די בעקער וואס האט געבאקן דער דשוק געטראכט? ווי קומט בכלל אריין אזא שטות וואס האט עס מיט איר וועלכע מדינה זאל גיין אין מלחמה? זי איז א יחנה וואס זיצט אין קאך. אפילו פאר א דשאוק הייבט עס נישט אן צו שטימען...

ביז...

לעצטע וואך שבת זיין איך ביי שלש





סעודות, איך האב שוין געענדיגט עסן און מ'האט נאכנישט אנגעהויבן זמירות. איך כאפ אריין עטליכע פרקים משניות ווען הארט נעבן מיר זיצן אפאר אידן מיט גרויע ווייסע בערד און קאכן אריין אין א טיפע שמועס "איך האב דיר געזאגט איינמאל פריגאושן איז געגאנגען פייפן איז דער גאנצע וואגנער געענדיקט"!

דער פוטין איך זאג דיר, נישט נאר זיין פיינט טאר מען נישט זיין, אפילו זיין פריינט טאר מען נישט זיין! דער פריגאושן האט שוין א לאנגע היסטאריע, זיי זאגן אז ער פלעגט קאכן פאר פוטין פון אנפאנג...

אבער מאסק איז נאך סך א גרעסערע רוצח! די ווייסט די וואך האט מען שיעור פארניכטעט די גאנצע רוסישע שיף פלאטע און דאס וואלט געמיינט א זיכערע סוף פאר פוטין! א מין שלעכטער דער מאסק, פארשטייסטו יעצט מאכט ער זיך א גאנצע וואוילער, ער טוט עס ממש פון זיין גוטע רצון. די לינקע חברה זיי קאנטראלירן די וועלט! ווען ער לעשט ווען נישט אויס די סטארלינק סעטעלייטס וואלט אלעס זיך געטווישט. ער טענה'ט אז ער האט מורא געהאט אז רוסלאנד וועט ענטפערן מיט נוקלער, אבער שטותים זיי וואלטן זיך נישט געוואגט!

האלטסט אז טראמפ גייט עס מאכן? איך וועל דיר זאגן וואס... איך האלט זייער שטארק פון אים אבער ער איז א סכנה למעשה, ווייל מ'קען זיך נישט אויסרעכענען מיט אים. אבער איין זאך קען איך דיר זאגן אויב קומט ער אריין איז די מלחמה אין אוקראינע געענדיגט!

אינגערמאן וואס זאגסטו דארט? דו דאווענסט משניות? וואס איז די מעשה מיט דיר? דו ווייסט אז זאגן הייסט נישט געלערנט? ביסט א ברסלבע'ר? אבער אפילו אין ברסלב האט נישט יעדער געהאלטן דערפון...

ר' איד קוק אהער לאמיר מאכן א דיעל איך וועל קעיר נעמען פון אלע קליינע דעסישענס ווי אזוי ס'הייסט געלערנט און ווי אזוי ס'הייסט נישט געלערנט... און עטץ וועטס קעיר נעמען פון אלע וויכטיגע זאכן וועלכע מדינה דארף ווארפן א נוקלער, און ווער ס'דארף אדער טאר נישט ווערן פרעזידענט אין אמעריקע, און מיר בלייבן גוטע חברים!

באשעפער אין הימל קוק ווי אזוי מ'זעט אויס אן א צדיק! איינער האט מיר געזאגט זייער א שטארקע ווארט "א מענטש וואס האט נישט קיין צדיק זאל אים פירן אין לעבן, באקומט זיין באלוין אינסטענט, די גאנצע לעבן איז קיין לעבן נישט"!

וויפל דארפן מיר זיין פרייליך און דאנקן דער אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו קענען זיין מקורב צו א צדיק וואס וויזט אונז ווי אזוי צו לעבן און מיר קענען פאלגן די עצות פון צדיקים אן זיין חכמים!



# קלאסיפייד

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM







א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א
שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין
ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש
עצתו אמונה.
איך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449




## קרית ברסלב ארבעט פארמיטלונג

ווערט געזוכט א אפיס
ארבעטער פאר גוט באצאלט.

פאראינטערסירטע ביטע רופט
718-306-2448



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרשת שופטים - תשפ"ג

אזוי ווי אנשי שלומינו קוקן ארויס מיט א שטארקע דארשט צו הערן נאך א ווארט אדער תנועה פון אונזער מורה דרך דער ראש ישיבה שליט"א, אזוי ווי פיש פון וואסער וואס כאפן יעדע פרישע טראפס רעגן, בפרט ווען עס קומט צו די סעודות שבת, וואס דאס איז איינע פון די שטערקסטע זאכן אין היכל הקודש, ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז, צו מאכן א פריילעכע געשמאקע סעודה, וואס פון איין זייט זאל די סעודה זיין דערהויבן, נישט רעדן פון קיין פרעמדע מענטשן. פארציילן מעשיות פון א צדיק. זינגען זמירות. אבער פון די צווייטע זייט זאל די סעודה זיין געשמאק, פיל מיט ליבשאפט. פארברענגען מיט די ווייב, זיך אראפ לאזן צו די קינדער, ועל כולם מאכן א פריילעכע שטומינג.

אבער היות נישט יעדער איינער האט צוגעזען אינדערהיים ביי זיינע עלטערן אזא סארט סעודה, בפרט ווען מען האט געזונטע קינדער וואס טאנצן ארום און קענען נישט צו לאנג זיצן, און מען פארלירט זיך, ממילא קוקן זייער אסאך פון אנשי שלומינו ארויס צו הערן עפעס וואס טוט זיך אינטער די קוליסן ביים שבת סעודה פונעם ראש ישיבה, צו קענען עפעס זיך אפלערנען און נאכמאכן ביים אייגענעם שבת סעודה.

יעצט אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א זכי' מיטצוהאלטן א סעודה ביים ראש ישיבה ליל שבת פרשת שופטים תשפ"ג און ווען איך בין ארויס געקומען פון די סעודה האבן אפאר אינגעלייט מיר אפגעשטעלט פרעגן איך זאל זיי כאטשיג נאכזאגן איין זאך וואס ס'איז געווען ביים סעודה, ממילא שפיר איך ווי איך מוז זיך אביסל צוזאמנעמען און פרובירן מיטצוטיילן פאר די חברים וויפיל איך געדענק וואס ס'איז אלץ געווען און וואס מען האט גערעדט ביי די סעודה לויט וויפיל איך האב פארשטאנען. אבער איין זאך איז נישט מעגליך פאר מיר אפצושרייבן דאס איז "די שמחה וואס דארט איז געווען" עס איז נישט דא קיין ווערטער מסביר צו זיין די פריילעכע שטומינג וואס דארט איז געווען, ומי שלא ראה שמחת בית.....

מען איז אנגעקומען אינדערהיים, יעדער ראש ישיבה האט געגעבן פאר יעדן א פלאץ און געהייסן אראפזעצן, און דערנאך אנגעהויבן זינגען שלום עליכם זיצעדיגערהייט. ער האט דאס געזאגט מיט א געוואלדיגע בענקשאפט צום אייבערשטן געפלאכטן מיט א פריליכקייט, און פון די אנדערע זייט בשעת מעשה אינזין געהאט יעדע זאך, און זיך אראפגעלאזט צו יעדן קינד [מען קען דאס זען אייביג ווען דער ראש ישיבה דאווענט פארן עמוד ווי פון איין זייט גיסט ער זיך אויס די הארץ צום אייבערשטן מיט א זיסע געשמאקע נוסח אדער ניגון, און א רגע נאכדעם געבט ער זיך אפ מיט די קינדער און דערנאך גלייך צוריק צו די דביקות אין דאווענען]

אינצווישן די זמירות האט זיך דער ראש ישיבה אפאר מאל אפגעשטעלט און עפעס געזאגט אדער פארציילט. ער האט געהאלטן צוויי קינדער נעבן זיך און האט זיי אנגעכאפט אזוי ווי מען כאפט זיך אן ווען מען טאנצט, און זיצעדיגערהייט אזוי זיך געשאקלט מיט זיי. עס איז געווען פרייליך און זיס דאס צו זען.

### א ברכה פון די מלאכים

ביי 'ברכוני לשלום' האט ער זיך אראפגעבויגן די קאפ און געוויזן פאר איינע פון די קינדער ווי אזוי זיך אראפ צו בייגן די קאפ. דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די געסט אויב ער האט אמאל מיטגעהאלטן א סעודה ביי מוהרא"ש, האט ער געזאגט אז ניין. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מוהרא"ש פלעגט ביי 'ברכוני לשלום' זיך אראפבייגן צוויי מאל די קאפ צו די רעכטע און לינקע זייט, אזוי ווי איינער בייגט זיך אראפ נעמען א ברכה פון די מלאכים.

אינטערעסאנט צו באמערקן ווי אזוי דער ראש ישיבה האט יעדע זאך מסביר געווען פאר די גאר קליינע קינדער אזוי ווי מען רעדט צו א גרויסע מענטש, איינמאל האט ער גערעדט צו דעם קינד, איינמאל צו א צווייטע קינד, וועלכע קינד ס'איז געזיצן דעמאלץ דארט. אמאל האט ער גערעדט הויעך פאר די גאנצע עולם, אמאל נאר פאר די קינד וואס איז געזיצן נעבן אים.

**קלאטשן ביים זינגען זמירות**

ביי 'אשת חיל' האט מען געזינגען די שנעלע ניגון, דער ראש ישיבה האט געקלאטשט און יעדער האט מיט געקלאטשט, חוץ איינער האט נישט געקלאטשט. האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט דו קלאטשט נישט? ווען מ'קלאטשט קען מען שפירן די ליפט פון ארץ ישראל! האט איינע פון די יונגלעך געפרעגט, "דער ראש ישיבה נעמט דאך מיט אויף ארץ ישראל יעדער פון זיינע קינדער וואס ענדיגט ש"ס", נא קען מען דאך יוצא זיין מיט קלאטשן, ווייל ס'איז דאך אזוי ווי מען איז אין ארץ ישראל? האט דער ראש ישיבה גענטפערט "אויב דו ביסט מסכים צו ענדיגן ש"ס אז איך זאל קלאטשן וועט מען יוצא זיין מיט קלאטשן".

**א פרישע קינד א נס**

ערגעץ אינצווישן די זמירות האט דער ראש ישיבה געהאלטן איינע פון די נייע געבוירענע אייניקלעך און זיך אנגערופן "א נס א נס". ער דרייט זיך אויס צו מיר און זאגט, האסטו געהערט די נס? האב איך געזאגט וואס? זאגט ער האסט נישט מיטגעהאלטן די נס? נתנאל האט געהאט א בעבי, א גרויסע מענטש אין קליין.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: איך בין גליקליך, דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו מיר. דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער: "דו געדענקסט נאך ווען טאטי און מאמי האבן נאכנישט געהאט קיין קינדער"? דער עולם האט זיך צולאכט. איינע פון די קינדער האט זיך אנגערופן מיט א תמימות "איך בין נאכנישט געווען געבוירן"! דער ראש ישיבה האט פארציילט מיט א תנועה [אזוי ווי מען פארציילט די אגדה פסח ביינאכט]: איינמאל האבן מיר נישט געהאט קיין קינדער, טאטי און מאמי זענען געווען אליין, ס'איז געווען טינקל. מיר האבן דעמאלט נישט געהאט קיין צדיק, מיר האבן נישט געוויסט וואס צו טון און וואו צו גיין. מיר זענען געפארן אין א שיף, און ווען די ווינטן האבן געבלאזן אויף די זייט זענען מיר געפארן אויף די זייט, נאכדעם האבן מיר געמיינט אז מ'דארף פארן אויף די אנדערע וועג, האבן מיר זיך אויסגעדרייט אויף די פארקערטע וועג, מיר האבן געבלאנדשעט און נישט געוויסט וואס צו טון.

# ער האט אונז געשיקט א פיש און מיר זענען אים נאכגעגאנגען, ער האט אונז לעכטיג געמאכט און געוויזן די וועג.

איינע פון די קינדער האבן געפרעגט אויב דאס איז עכט געווען, האט דער ראש ישיבה גזעאגט: "יא יא עכט אזוי איז געווען". ביז דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונז, ער האט אונז געשיקט א פיש (א צדיק איז צוגעגליכן צו א פיש) און מיר זענען אים נאכגעגאנגען, ער האט אונז לעכטיג געמאכט און געוויזן די וועג, מיר זענען אזוי גליקליך, דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו אונז.

**דו האסט א ראש ישיבה**

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינע פון די געסט: דו ביסט מער גליקלעך פון מיר. פרעגט יענער פארוואס? זאגט דער ראש ישיבה: ווייל דו האסט א ראש ישיבה, דו האסט וועם צו פרעגן דיינע שאלות, איך האב נישט קיין ראש ישיבה צו פרעגן מיינע שאלות, איך האב נאך זאכן וואס איך דארף נאך פרעגן פון מוהרא"ש. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דער הייליגער רבי זאגט דאס (חיי מוהר"ן סימן ר"ה): אַשְׁרֵיכֶם שֶׁיֵּשׁ לָכֶם רַב כָּזֶה אֲנִי מְקַנֵּא אֶתְכֶם, וואויל איז ענק אז עטץ האטס אזא רבי, איך בין ענק מקנא.

די ליפט איז געווען זייער פריילעך רואיג און געשמאק, אפילו דער ראש ישיבה האט געדארפט פון צייט צו צייט געגרעדט שטרענג, למשל א קינד האט געהאלטן די הדסים נאנט צו די לעכט, אדער א קינד האט עפעס נישט געפאלגט, און דער ראש ישבה געזאגט מיט א שטרענגע טאן "דא פאלגט מען", און עס האט זיך געפילט א פחד אין די ליפט, אבער א האלבע רגע שפעטער איז ווייטער די סעודה געפארן מיט א געשמאקע רואיגע פריילכע שטימונג.

**א גט ווענן שמעקן בשמים**

דער ראש ישיבה האט געשמעקט די בשמים און געזאגט "אַהָ". נאכדעם האט ער געגעבן פאר איינע פון די קליינע קינדער צו שמעקן און געפרעגט צו ער וויל אויך זאגן אַהָ, און דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי אזוי איינער האט זיך נעבעך גע'גט פון זאגן אַהה ביים שמעקן בשמים.

די מעשה איז געווען אזוי: עס איז געווען א אינגערמאן וואס פלעגט שטענדיג ביים שמעקן בשמים זאגן הויעך אַהַהָה, ווייל אזוי איז ער געווען געוואוינט פון זיין טאטע'ס שטוב, אבער זיין ווייב האט דאס אראפגעקיקט ז' איז געווען א מלמדת א היי סקול טיטשער וואס בדרך כלל

<<<<

קוקן זיי אראפ אויפן מאן. זי האט אים געזאגט אז ער זאל נישט זאגן הויעך אַהה נאר שטיל, אבער ער האט דווקא געזאגט מער העכער, ער האט געטענ'ט אז אזוי פלעגט מען טון ביי אונז. האט זי געזאגט "אויב דו זאגסט הויעך וויל איך נישט זיין ביי די סעודה", און זי האט אוועקגעדרייט איר בענקל. אבער ער האט דווקא געשמעקט און געזאגט העכער אַהַההההה. ביז מען האט זיך דארט ליידער גע'גט. נאכן

**בין איך דען נישט גערעכט? האב איך אים געזאגט: ניין!! ביסט נישט גערעכט!! מען קריגט זיך נישט מיט א ווייב!!!**

פארציילן די מעשה האט דער ראש ישיבה געפרעגט די קינדער ווער איז געווען גערעכט? און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "ביידע זענען גערעכט"!! אבער וועגן דעם צוברעכט מען א שטוב?

דער ראש ישיבה האט געזאגט: איך פארצייל ענק נישט דא קיין באבע מעשיות, זיי האבן משפחה דא אין שטעטל.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער: באלד וועל איך ענק פארציילן נאך א מעשה, פון איינער וואס האט זיך גע'גט וועגן אויסטרינקען די זיפ. שפעטער האט טאקע דער ראש ישיבה פארציילט: ס'איז געווען א אינגערמאן וואס האט נישט געהאט קיין געדולט צו עסן די זיפ מיט א לעפל, ער פלעגט אויסגעטרינקען די טעלער זיפ. זיין ווייב האט אים גארנישט געזאגט, זי האט אים יארן לאנג געלאזט אזוי טון. ביז זייער זון איז געווארן א חתן, האט זי אים געבעטן אז ווען די כלה גייט קומען, זאל ער עסן די זיפ מיט א לעפל, ווייל זי שעמט זיך פון די כלה. האט ער געזאגט וועגן א קליין מיידל זאל איך דארפן עסן וואסער מיט א לעפל? זיי האבן זיך אנגעפאנגען צו קריגן, ביז זיי האבן זיך ליידער גע'גט. ער איז געקומען צו מיר און געפרעגט בין איך דען נישט גערעכט? האב איך אים געזאגט: ניין!! ביסט נישט גערעכט!! מען קריגט זיך נישט מיט א ווייב!!!

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט א מעשה פון א צאמי, אז א פרוי האט געשריבן א בריוו צו מוהרא"ש אז איר מאן קריגט זיך מיט איר וועגן א צאמי, די בעבי וויינט און זי גיט אים א צאמי אין די מויל, און ער בארואיגט זיך, אזוי קען זי א ביסל גיין שלאפן און זיך אפריען. קומט איר מאן און שלעפט ארויס די צאמי פון די קינד'ס מויל, און ער זאגט אז ס'קען מאכן די ציינער זאלן וואקסן קרום, אזוי האבן זיי זיך נעבעך ארום געקריגט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קליינע קינדער אז איינער איז געקומען צו א רב און געזאגט אז ער וויל זיך אפשניידן די בארד, ער האלט אז מען דארף נישט האבן קיין בארד, ווייל מען איז נישט געבוירן מיט דעם. האט אים די רב געזאגט: אויב אזוי דארפסטו אויך ארויס האקן דיינע ציינער, ווייל מען איז נישט געבוירן מיט קיין ציינער, האט ער געזאגט: טאקע! טאקע!

### ער האט א מורה דרך

דער ראש ישיבה האט פארציילט א פאר אינטערעסאנטע שאלות פון עצתו אמונה וואס מענטשן האבן אים געפרעגט די וואך. למשל א פרוי פרעגט צו זי זאל טון א שידוך מיט א בחור וואס זיין רבי האלט אז מען מעג האבן א סמארטפוין? דער ראש ישיבה האט זיך געוואונדערט אז א רבי זאל אזוי האלטן!! למעשה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז זי זאל טון די שידוך, ווייל דאס אז ער האט א מורה דרך און פרעגט יעדע זאך זיין רבי איז שוין א גרויסע זאך. א עלטערע בחור האט געפרעגט אז מען טראגט אים אן א מיידל וואס ביי יענע משפחה גייט מען ארומגענומען די גאנצע קאפ מיט א שווארצע שאל, און מוהרא"ש האט געהאלטן אז עס איז נישט קיין צניעות.

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט צו איך לערן עצתו אמונה, האב איך געזאגט אז די וואך האב איך נאכנישט געלערנט, אבער פון פאריגע וואך האב איך יעצט געענדיגט. האט ער מיך געפרעגט וואס האב איך דארט געזען? האב איך געזאגט די מעשה פון די ישמח משה מיט דעם איד וואס האט נאר געלערנט איין זאך אין זיין גאנצע לעבן - די ספר 'צאינה וראינה', נאר דאס האט ער געקענט לערנען אין גן עדן, און מיט דעם האט ער זיך מחיה געווען אין גן עדן.

לאמיר צוריק גיין צו קידוש: דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש אויף וויין נאכדעם האט ער אנגעגאסן פאר יעדן וויין אין א גלעזל, פאר די מענער וויין, און פאר די פרויען גרעפ דזשוס, אזוי אויך פאר אלע קינדער. ווען ער האט געגעבן די

גלעזל פאר דעם קליינעם יחזקאל האט ער געזאגט "הרב הגה"צ ר' יחזקאל רוטה איז מכובד מיט סידור קידושין". בקיצור, ווי דער ראש ישיבה האט געקענט פרייליך מאכן האט ער געמאכט פרייליך.

אויך האט ער געמאכט זיכער אז אלע בעבים באקומען אין זייער מויל א טראפ קידוש וויין.

ביי די פיש האט דער ראש ישיבה אויסגעלויבט ווי גוט די חלה און די פיש זענען, ער האט געפרעגט איינע פון די געסט "האסט שוין געהאט אמאל אזא גוטע חלה?".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען 'אתקינו סעודתא', איך האב נאך געהאלטן אינמיטן עסן, אבער איך האב אנגעפאנגען מיט צו זינגען, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: דו האסט נאכנישט געענדיגט עסן, קענסט ווייטער עסן. האב איך געזאגט אז איך וויל מיטזינגען. האט ער געזאגט "דו עס ווייטער, איך וועל זינגען פאר דיר".

דער ראש ישיבה האט געעפנט א באטל סעלצער, און געוויזן פאר די קינדער ווי מען גיסט אראפ א טראפ אויף די ערד, ער האט זיי געזאגט, אז מען גיסט אראפ פאר די נישט גוטע.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר א קינד זאל אראפ נעמען די הענט פון טיש. איינער האט געפרעגט אז אין חדר זאגט מען אז מען זאל האלטן די הענט דווקא נאר אויפן טיש? האט דער ראש ישיבה געזאגט "יעדע פלאץ איז אנדערש".

### טראכטן פונעם אייבערשטן

יעדער איז געזיצן און געגעסן רואיג פלוצלינג גיט דער ראש ישיבה'ס קליינע אייניקל פון דריי יאר נחמן נתן נרו יאיר א שריי הויעך "יוד קי ואו קי". יעדער איז געווארן פארוואונדערט וואס גייט דא פאר? דער ראש ישיבה האט שוין א אייניקל א מקובל וואס רעדט פון שֵׁמוֹת? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט זייער א גוטע מלמד, וואס לייגט אריין אין די קינדער אסאך יראת שמים און תמימות. דער מלמד האט פארציילט פאר די קינדער ווי אזוי דער הייליגער רבי ווען ער איז געווען א קליינע אינגל האט ער געטראכט פונעם אייבערשטנ'ס נאמען יוד קי ואו קי און זיין רבי האט געמיינט אז ער איז פארחלום'ט און האט אים אנגעשריגן, עכט האט ער דעמאלט געטון א הייליגע זאך ער האט געטראכט יוד קי ואו קי. דער מלמד אין שטעטל חדר לערנט אויס פאר די קינדער זיי זאלן זיך צומאכן די אויגן און טראכטן ווי זיי זען פאר זייערע אויגן יוד קי ואו קי [מ'רעדט דא פון גאר קליינע קינדער וואס קענען קוים א-ב].

ס'איז געווארן א שיינע שמועס פון שֵׁמוֹת, איינער האט נאכגעזאגט פון אר"י הקדוש אז צו טראכטן פון יוד קי ואו קי איז אזוי ווי לערנען א בלאט גמרא. דער ראש ישיבה'ס אינגל האט געפרעגט: טאטי וויפיל בלאט איז דא אין ש"ס? האט דער ראש ישיבה געזאגט: צוויי א האלב טויזנט! פרעגט ווייטער דער קינד: אויב איך וועל טראכטן צוויי א האלב טויזנט מאל יוד קי ואו קי וועט מיך דער ראש ישיבה נעמען אויף ארץ ישראל? עס איז דאך אזוי ווי לערנען גאנץ ש"ס, און ווען מען ענדיגט ש"ס קען מען מיטקומען אויף ארץ ישראל? האט דער ראש ישיבה געזאגט:"איך וועל קלאטשן" (אזוי ווי מען האט פריער דערמאנט וואס ס'האט שייכות קלאטשן מיט ארץ ישראל).

דער ראש ישיבה האט געפרעגט: מיט וועלכע ניקוד קומט יוד קי ואו קי? דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען שרייבט דאס מיט די נקודות פון טְהוֹרָה - שוא חולם קמץ' אבער ביי שמונה עשרה ברענגט מוהרא"ש אין די סידור זאל מען אינזינען האבן די שם ביי יעדע ברכה מיט אנדערע נקודות.

דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט יעדע ברכה מיט וועלכע נקודות מען זאל דאס אינזין

ער האט זייער א גוטע מלמד, וואס לייגט אריין אין די קינדער אסאך יראת שמים און תמימות

האבן, און אויף יעדע ברכה געמאכט א רמז פארוואס דווקא די נקודה.

למשל ביי **חונן הדעת** די נקודה פון **פתח** - אז דער אייבערשטער זאל עפענען די מח צו האבן שכל, אויך ווייל מיט די ברכה פאנגט זיך אן די שמונה עשרה. און פתח מיינט עפענען.

**השיבנו** מיט צירי - ווייל דער רבי זאגט אז די יצר טוב איז מצייר גוט, אז מען טוט תשובה איז מען מצייר די יצר טוב.

**רפאינו** איז מיט נקודה **חולם** - אז מען קוקט ארויף צום אייבערשטן האט מען א רפואה, און שכינה למעלה מראשותיו של חולי.

**ברך עלינו** איז **חיריק**, די פינטל איז אינטן פון די ווארט - ווייל כדי צו האבן פרנסה דארף מען זיך אראפבייגן צום אייבערשטן און האבן הכנעה.

**תקע בשופר** איז מיט נקודה **שוריק**, די נקודה ווערט אנגערופן אין תיקוני זוהר קיבוץ, דאס איז מרמז אויף קיבוץ גליות.

**השיבה שופטינו** איז מיט די נקודה **מלופים** וואס דאס איז פון די ווערטער מלא פום, אז די מויל פון די צדיקים איז פול מיטן אייבערשטן, זיי רעדן שטענדיג פונעם אייבערשטן.

**ולמלשינים** איז די נקודה פון **קמץ** - דאס מיינט צוגעמאכט די הענט מיט א שטארקייט קעגן די רשעים.

איינער האט געפרעגט אז דער רבי האט דאך נישט געוואלט מען זאל מכוון זיין שמות ביים דאווענען? האט דער ראש ישיבה געזאגט: מען דאווענט מיט א סידור וואס דארט זעט מען די נקודות אויף יעדע שם.

איינער האט געפרעגט וואס מיינט יחודים? האט דער ראש ישיבה געזאגט: מען טראכט פונעם אייבערשטן.

### נישט לאכן פון קבלה

דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט צו איך האב געהערט די ליל שישי שיעור, דער ראש ישיבה האט געזאגט איך האב דארט מסביר געווען וועגן שמות, און ס'האט מיך געבאדערט אז מ'האט געלאכט, ווייל איך האב געוואלט ארויס ברענגען אז די אלע בעלי דרשנים וואס רעדן פון קבלה און עולם גולם האט נישט קיין השגה פון וואס ער רעדט, אלע קומען מען שטופט זיך צו הערן, און אז מען רעדט פשוט'ע ווערטער ווי אזוי מען קען האבן שלום בית, ווי אזוי מען איז מחנך די קינדער, דארט זאגט מען עס איז נישט אינטערסאנט צו גיין. אבער נישט מען זאל לאכן פון די הייליגע ווערטער פון אריז״ל און פון רבי'ן.

### די קרעדיט פאר מיין שוועער

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינע פון די אינגעלייט האט געגעבן א היטש פאר דער ראש ישיבה'ס שוועער און אים געזאגט אז די גאנצע קרעדיט פון די ישיבה, דרשות, די שטעטל, די מוסדות און אזוי ווייטער קומט פאר אים, אלץ איז אים צו פארדאנקן. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז דאס איז נישט סתם כדי צו מאכן גוט פילן, נאר ס'איז באמת אזוי, די גאנצע קרעדיט קומט זיך פאר מיין ווייב און מיין שוועער. איך פון מיין זייט קוק נישט אויף קיינעם, איך טו וואס ס'איז ריכטיג, מיר גייט נישט אן וואס מענטשן רעדן, אבער אויב איך וואלט זיך געדארפט קריגן אינדערהיים וואלט איך דאס שוין נישט געטון.

נאך מער, זיי האבן אונז אפילו נישט מחזק געווען. ס'איז געווען פאשקווילן אין די גאסן, און מיר האבן געציטערט, אבער זיי האבן גארנישט גערעדט דערוועגן, עולם כמנהגו נוהג, זיי האבן זיך אויפגעפירט צו אונז כאילו לא היה.

מען האט געגעסן די זיפ און דער ראש ישיבה האט שוין מער נישט געדארפט זיין טעלער, האט ער זיך אנגערופן צו איינער פון די געסט: דארפסט מיין שיריים? דער עולם האט זיך צושמייכלט. איינער האט געפרעגט וועגן שיריים פון א צדיק אויב ס'האט א מקור, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דער הייליגער מנחת אליעזר זי״ע שרייבט וועגן דעם אז ס'האט א מקור פון ירושלמי.

### א קלוגע באבע

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געהאט זייער א קלוגע באבע זיין מאמעס מאמע - רחל לאה טייטלבוים ע״ה. ווען איינער איז אריינגעקומען צו איר אין אלול האט זי געפרעגט: האסט שוין תשובה געטון? דו ווייסט בכלל וואס תשובה מיינט? תשובה מיינט זיין צופרידן!! דער ראש ישיבה האט געפרעגט יעדן עקסטער: דו ביסט צופרידן? איינער האט געענטפערט: איך גיי תשובה טון!

דער ראש ישיבה האט פארציילט אסאך שיינע זאכן פון זיין באבע, זי האט געצאלט הונדערט דאללער מער רענט א חודש אז זי זאל וואוינען נענטער צום הייליגן סאטמארער רבי' זי״ע.

איינער האט געפרעגט וואס מיינט יחודים? האט דער ראש ישיבה געזאגט: מען טראכט פונעם אייבערשטן.

### פארגינען א גוט ווארט

ווען זי איז אהער געקומען נאך די מלחמה איז זי אריין צום הייליגן סאטמארער רבי' און דער רבי' האט איר געפרעגט: דו ביסט רחל לאה פון אוהעל? דאס האט איר אריין געבלאזן אזא חיות, זי האט געהאט חיות פון דעם יארן. דער רבי' האט געזען אז דא איז דא א צובראכענע פרוי וואס האט באגראבן קינדער ביים קריג, האט ער איר פארגינען צו זאגן אז ער געדענקט איר פון אוהעל נאך פון פאר די מלחמה!

איינע פון די קינדער האבן געפרעגט וועלכע רבי'? האט דער ראש ישיבה געזאגט דער סאטמערע רבי'.

איינמאל פורים האט זי געשיקט משלוח מנות פארן רבי'ן, געווענליך פרעגט דער רבי' געבן פורים געלט פאר די קינדער, אבער פאר זיי האט דער רבי' געזאגט: חָנה'ס קינדער דארפן נישט קיין געלט, זיי דארפן גוטע פירות.

זי האט טאקע קינדער און אייניקלעך אלע רבנים, דיינים, כלי קודש. עס איז געווען דארט איינע פון די געסט וואס וואוינט אין קרית יואל, און דער ראש ישיבה האט אים אויסגערעכנט אפאר גרויסע מרביצי תורה פון קרית יואל וואס זענען אירע אייניקלעך [שטילערהייט זענען זיי זיך מחי'ה מיט די שיעורים].

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די וואך איז געווען די יארצייט פון איר זון הרב ר' לייביש טייטלבוים ע"ה, ער האט אויך קינדער דיינים מרביצי תורה אין קרית יואל.

### נישט געהאלטן פון קיין כולל

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער סאטמאר רבי' האט נישט געהאלטן פון קיין כולל. די כולל אין סאטמאר איז געווארן ווען דער רבי' איז שוין נישט געווען געזונט נאך די סטראויק!

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז נאך די סטראויק האט די דאקטער אים געגעבן א פען צו זען אויב ער איז ביי זיך, האט דער רבי' געשריבן אויפן פאפיר די ווערטער "אנכי השם אלוקיך". דער ראש ישיבה האט געזאגט: דאס קען מען זיך נישט

> **ס'מוז זיין אז ער האט א גאנצן צייט געטראכט פונעם אייבערשטן, אז דאס זאל ארויס קומען פון די פען נאטירליך**

מאכן, ס'איז נישט קיין חסידים מיט ברענטשעס, ער איז געווען זייער קראנק, ס'מוז זיין אז ער האט א גאנצן צייט געטראכט פונעם אייבערשטן, אז דאס זאל ארויס קומען פון די פען נאטירליך.

### לערן נישט צו פלייסיג

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז מו"ה יודל ראזענבערג ע"ה פלעגט געבן א באנגעלוי' אין קעמפ פאר יעדן וואס האט נישט געהאט קיין דזשאב, מיין באבע איז אויך געווען אין קעמפ, און מיין מאמע פלעגט אים בעטן אז ער זאל יעדן טאג אריינגיין באגריסן מיין באבע. ווען דער ראש ישיבה איז אריין געקומען צו איר, פלעג זי אייביג זאגן פאר דער ראש ישיבה: איך בעט דיך יואל'יש לערן נישט צו פלייסיג, זאלסט זיך אויך אביסעלע שפילן, נישט נאר א גאנצן טאג לערנען. איך האב דעמאלט געטראכט ביי מיר איך האב דאך נישט געלערנט קיין ווארט, און זי בעט איך זאל נישט לערנען צו סאך. ס'האט מיך געגעבן א שטעך אז איך מוז לערנען!!

### איך האב אסאך כח

ווען זי האט נישט געהאט קיין כח האט זי צוגעמאכט מיט די הענט אזוי ווי איינער ווייזט אז ער האט אסאך כח, און אנשטאט צו זאגן איך האב נישט קיין כח, האט זי געוויזן און געזאגט "איך האב אסאך כח"!

### גערעטעוועט דורות

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינמאל האט זיין זיידע געמאכט א וואכטנאכט פון א קינד, און דער מוהל איז געווען מו"ה אברהם ווערצבערגער ע"ה. ר' אברהם איז געגאנגען צום טיש פון רבי'ן, האט אים דער רבי' געפרעגט צו ער איז געווען ביים וואכטנאכט, האט ער געענטפערט אז ער וויל זיין ביים רבינ'ס טיש! האט דער רבי' געזאגט אז די מוהל מוז גיין. ער האט נישט געהאט קיין ברירה, ער האט געמוזט אוועק גיין פון טיש און גיין צום וואכטנאכט. ער קומט אן צום זיידן אינדערהיים זעט ער ווי די שטוב איז ליידיג, די זיידע זיצט נעבן דעם קינד און דרימלט. און די לעכט איז אראפגעפאלן אויף די טישטעך און ס'האט אנגעפאנגען צו ברענען. ווען ער קומט אן אפאר רגעים

שפעטער זאל דער אייבערשטער אפהיטן וואס עס וואלט געשען. למעשה האט ער געהאט די זכי' צו ראטעווען גאנצע דורות!!!

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער געדענקט נאך ווען זיין זיידע איז נפטר געווארן. ער איז אהיים געקומען פון חדר און געזען ווי זיין מאמע וויינט. ער האט געפרעגט וואס גייט פאר? האט זי געזאגט אז זיידי איז אוועק! פון דעמאלט אן פלעגט זי זיך אייביג אינטער זינגען די ניגון פון ר' יום טוב ערליך ע"ה אני מאמין באמונה שלימה שתהי' תחית המתים.

**זיך אליין משפט'ן**

ביים סוף האט דער ראש ישיבה געזאגט תורה אויף די פסוק אין די סדרה **שופטים ושוטרים תתן לך אשר השם אלוקיך נותן לך**. דער הייליגער רבי' זאגט (ליקוטי מוהרן סימן קי"ג) ווען מען משפט א מענטש פרעגט מען די מענטש אליין וואסערע שטראף מען זאל אים געבן, נאר די מענטש וועט דאך אוודאי נישט זאגן אז מען זאל אים טון שלעכטס, פרעגט מען דאס אויף א צווייטן, אזוי ווי ביי די מעשה פון דוד המלך און בת שבע, מען האט אים געפרעגט אויף א צווייטן.

די גמרא זאגט אז דוד המלך האט בכלל נישט געזינדיגט נאר לפי גודל קדושתו איז דאס געווען א פגם.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די ציונים מאכן פון דעם א גאנצע לימוד, אבער די גמרא זאגט אז ווער ס'זאגט אז דוד המלך האט געזינדיגט ווייסט פשוט נישט וואס ער רעדט -אינו אלא טועה, ווייל דאס איז געווען זיין ווייב אנגעשריבן פון ששת ימי בראשית, נאר עס האט זיך פארטוישט. און אוריה החיתי האט געגעבן א גט אויף א תנאי פאר ער איז געגאנגען אין מלחמה, אז אויב ער וועט נישט אהיים קומען וועט זי שוין זיין גע'גט, און מ'האט אים געמעגט הרג'ענען ווייל ער איז געווען מחויב מיתה.

**צוגעכאפט די שעפעלע**

**א מענטש מאכט די משפט אויף זיך אליין מיט דעם וואס ער רעדט אויף א צווייטן.**

פארציילט די פסוק אז דער אייבערשטער האט געזאגט פארן נביא זאל גיין פרעגן פון דוד המלך א שאלה, די נביא האט אריין געקלאפט צו דוד המלך און האט אים געפרעגט אזוי:

עס איז געווען א ארימע מענטש וואס איז געווען זייער הונגעריג, איז ער געגאנגען צו די הויז פון א גרויסע עושר וואס האט געהאט אסאך געלט און אסאך שעפעלעך, און דער ארימאן האט אים געבעטן אפשר גיבסטו מיר איינע פון דיינע שאף איך זאל האב וואס צו עסן פאר מיר און מיינע קינדער? האט דער עושר געזאגט אוודאי' וועל איך דיר געבן א שעפעלע.

אבער דער עושר איז געווען קארג צו געבן פון זיין געלט פארן ארימאן, איז דער עושר אריבער צום שכן, דער שכן איז געווען א ארימאן וואס האט גארנישט געהאט נאר איין שעפעלע, ער פלעגט שמועסן מיט די שעפעלע און שפאצירן מיט די שעפעלע - די שעפעלע איז געווען זיין חבר, אזא נארישע מענטש איז ער געווען.

האט דער עושר ארויס געכאפט די שעפעלע פון די ארימע שכן און עס גע'שחט'ן און געגעבן פאר די גאסט צו עסן. פרעגט דער נביא פון דוד המלך וואס דארף מען יעצט טון פאר דעם עושר, וואס ער האט אסאך שעפעלעך און ער כאפט צו פון איינעם וואס האט ווייניג שעפעלעך?

האט דוד המלך געזאגט אז דער עושר זאל באצאלן פיר שעפעלעך. האט אים דער נביא געזאגט יעצט וועסטו באצאלן פיר. און דוד המלך האט נעבעך מיטגעמאכט פיר צרות פון זיינע פיר קינדער.

מיט דעם האט דער ראש ישיבה געזאגט פשט אין פסוק **שופטים ושוטרים תתן לך**, א מענטש מאכט די משפט אויף זיך אליין מיט דעם וואס ער רעדט אויף א צווייטן, במילא דארף מען זיך זייער היטן די מויל, קיינמאל נישט צו רעדן אויף א צווייטע איד, ווייל וואס דו זאגסט אויף יענעם זאגסטו אויף דיר אליין!

שכח הייליגער באשעפער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע סעודה און עס איבערגעבן פאר די חשובע ליינער, כדי ארויסצונעמען פון דעם עצות אויף לעבודא ולמעשה, סיי וויאזוי צו פירן א סעודה און אזוי' אויך שיינע עצות וויאזוי זיך צו פירן



# מעשיות פון תפילה

מ. ל.
ירושלים

איך האב א לאנגע צייט געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען באקומען די "קרית ברסלב בלעטל", ווייל דא אין ירושלים האט מען נישט געדריקט די בלעטל אויף שווארץ-ווייס די לעצטע יאר. לעצטנס האב איך געטראפן אין בית שמש א בית פיגא תלמידה, זי האט מיר געזאגט אז זי באקומט יעדע וואך די בלעטל, און זי בעט דעם אייבערשטן זי זאל האבן פארוועם צו איבערגעבן די פריערדיגע בלעטלעך...

שכח אייבערשטער!

(המשך פון די מעשה ביים קומענדיגן קעסטל)

מ. ל.
ירושלים

שפעטער ווען איך האב שוין געהאט געליינט אלע בלעטלעך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען געבן פאר איינעם וואס האט עס נאכנישט געליינט.

פארגאנגענעם שבת האב איך געטראפן א בית פיגא תלמידה פון ביתר און אזוי פארציילנדיג פון מיין מעשה פון תפילה מיט די בלעטל רופט זי זיך אן "זייער אינטערעסאנט", איך האב ממש יעצט געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן די פריערדיגע בלעטלעך".

מיט תפילה קומט מען אן ווייט.

ל. וואסערמאן
קרית ברסלב

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א גוטע פארטש צו בויען די סוכה. לעצטע יאר האט מען געדארפט צוקלעבן די ווייערס פון די לעקטערס צו די הויז וואנט מיט פלעסטיק טעיפ, און נאך סוכות איז געבליבן אפאר גרויסע קלעבעדיגע סימנים אויף די וואנט. יעדעס מאל איך האב עס געזען האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א גוטע עצה וויאזוי עס צו אפוואשן.

דאס יאר האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן עפעס א עצה. איך האב זיך דערמאנט אז איין מאל האב איך געשפריצט אקסי קלין - א זייף אראפצונעמען פלעקן פון וועש, בטעות האט עס געשפריצט אויף די וואש מאשין וואס האט געהאט אזעלכע קלעב פלעקן וואס כ'האב נישט געקענט אראפנעמען פאר א לאנגע צייט, און ס'איז אראפגעקומען. האב איך שנעל גענומען די זייף און געשפריצט אויף די סימנים אויף די פארטש וואנט, און שכח אייבערשטער אז נאך אסאך תפילות איז מיר יעצט בייגעפאלן די עצה און ס'איז אראפגעקומען אלע פלעקן.




בעט דעם באשעפער
וועט ער דיר העלפן

845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

## חידות
אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**וואס דארף א איד טון אויף דער וועלט?**

א. נאר דאווענען
ב. נאר לערנען
ג. נאר דאווענען און לערנען
ד. נאר לערנען און דאווענען

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דעם רבי'ן האט זייער געבאדערט ווען מ'איז נישט געקומען צו אים אויף ראש השנה, איין יאר האט זיך דער רבי אויסגעדרוקט:
**אהר'לע און בערעלע זענען נישט געקומען...**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**אהרן הכהן קאהן נ"י - זערזשי סיטי**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל
# קינדער אפטיילונג
## פרשת בראשית

## טרעף
די ווערטער

**זאגט יעדן טאג אביסל תהילים,** אזוי וועט איר ווערן נענטער און נענטער צום אייבערשטן.

**אויך זאלט איר רעדן צום אייבערשטן;** דאנקט אים פאר אייערע טייערע עלטערן און בעטס פאר אייך און פאר אייערע דורות.

אויך זאלט איר העלפן אייער מאמע, ווייל **העלפן א מאמע איז זייער א גרויסע מצוה,** דער אייבערשטער רוט ביי דעם וואס איז מכבד די עלטערן.

(עבודת אמונה פרשת כי תבוא תשפ"ג)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | ס | נ | ו | א | פ | ט | ג | נ | ו | ו | ע | ט | ז | ז |
| ב | ע | ש | ב | א | י | א | ד | ד | פ | ו | ל | ו | ו | ב |
| ס | ר | ס | א | ו | ו | י | ר | ע | י | ל | ט | ר | ג | ס |
| ו | ע | פ | ו | ד | נ | ל | ב | י | נ | נ | ע | ט | ר | א |
| ב | י | כ | ז | ע | ד | ר | כ | ע | ו | ע | ר | ה | ו | א |
| ו | י | ש | י | ר | י | א | ע | א | ר | א | נ | ע | י | פ |
| ק | ט | י | א | ו | ז | מ | י | ו | ק | ש | ז | ט | ס | א |
| ט | ג | א | ז | ט | א | י | ר | י | ו | ר | ט | ו | ע | ר |
| ז | מ | פ | ר | מ | ל | י | ע | ה | כ | ע | פ | ע | י | ר |
| א | ה | י | ו | ח | ט | ע | ז | ד | א | י | ק | ג | ר | ו |
| ל | ס | צ | א | ק | ס | ר | ע | א | ה | י | ש | נ | א | ע |
| ט | כ | נ | י | ה | ח | ע | ר | ג | ת | ז | פ | י | ל | ע |
| ז | א | ג | י | ב | ע | ד | ע | מ | ל | ל | י | ט | ל | ל |
| א | ו | א | ע | צ | פ | נ | י | י | ע | ב | ע | צ | כ | ח |
| ה | י | כ | ר | נ | א | ת | י | ה | ע | ר | ס | ס | ז | ד |
| ל | כ | ר | ד | ל | ר | ו | א | ר | נ | ט | ח | ת | ו | ז |
| מ | ה | כ | ס | ח | ו | ו | ש | ו | ע | ו | ק | ר | ט | מ |
| ז | צ | י | ט | א | ג | ט | א | ב | צ | ל | ו | נ | א | כ |
| ו | ב | ו | נ | ע | נ | ט | ע | ר | ו | ת | ר | י | א | ב |
| א | ע | ד | ה | ת | ה | י | ל | י | מ | ש | ק | ר | פ | ד |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שטיקעלע ספר המדות

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

**ה. הַמְאָרֵחַ תַּלְמִיד חָכָם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ הִקְרִיב תְּמִידִין.**

**וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אִין שְׁטוּבּ, רֶעכְנְט אִים דִי תּוֹרָה אַזוֹי וִוי עֶר אִיז מַקְרִיב דֶעם קָרְבַּן תָּמִיד.**

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?






### ענטפער פון פאריגע וואך

ווען דער רבי האט גערעדט פון די גרויסקייט פון קומען צו אים אויף ראש השנה האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט: "קיינער טאר נישט פעלן!""

# קינדער סאלאן



אליעזר שלמה שניטצלער נ"י
קרית ברסלב



משפחת מזרחי
קרית ברסלב



רבקה וועבערמאן תחי'
קרית ברסלב



רייזל וועבערמאן תחי'
קרית ברסלב

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

רבקה אפּעלדארפער תחי׳ - קרית ברסלב פאַרציילט:




געמאלן דורך: רבקה אפּעלדארפער תחי׳







חי׳ וועבערמאן תחי׳ - קרית ברסלב פאַרציילט:




געמאלן דורך: רבקה וועבערמאן תחי׳






# בילדער
## אפטיילונג




קרעדיט: שמעון פיש

ברית פון נחמן נתן נ"י בן המלמד מו"ה דוד פוקס הי"ו אין ישיבה - ג' האזינו תשפ"ד


קרעדיט: שבתי מארקוס

אפשערן פון בן המלמד מו"ה נחמן ניישטיין הי"ו ה' האזינו תשפ"ד


קרעדיט: שמעון איינהארן


ד' מינים סענטער אין שטעטל


קרעדיט: שמעון איינהארן


קרעדיט: שלמה יאקאבאוויטש

מען שטעלט אויף די סוכה אין שטעטל


קרעדיט: לייבי ראטה

ריזיגע 'נוי סוכה צענטער' אהערגעשטעלט דורך די באקאנטע "קרית ברסלב ספרים געשעפט"

קרעדיט: איציק



שיינע ני סוכה פאר אנשי שלומינו אין ארץ ישראל

קרעדיט: שמעי' וואקס



תלמידי תלמוד תורה היכל הקודש טבריה ביי תשליך

קרעדיט: אייזיק ראטה



דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט אנשי שלומינו ליל א' חול המועד סוכות תשפ"ד

קרעדיט: אייזיק ראטה



תפילת שחרית אין בית המדרש היכל הקודש וויליאמסבורג - א' דחול המועד סוכות תשפ"ד

קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה



ברית אין ישיבה להילד שלום נחמן נ"י בן מו"ה משה אהרן שפילמאן הי"ו - א' דחול המועד סוכות תשפ"ד

קרעדיט: שמעי' וואקס



דף גמרא שיעור אין היכל הקודש טבריה - א' דחוה"מ סוכות תשפ"ד

קרעדיט: אשר לעמל זוסמאן



מען לערנט שיעורים כסדרן אין די סוכה פון ישיבה, חול המועד סוכות פארן דאווענען



קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

תפילת שחרית אין בית המדרש היכל הקודש בני ברק - א׳ דחול המועד סוכות תשפ״ד



קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

יארצייט סעודה פון הייליגן רבי'ן אין בית המדרש היכל הקודש בני ברק - ב׳ דחול המועד סוכות תשפ״ד



קרעדיט: יוחנן שור





הילולת רבינו אין בית המדרש היכל הקודש ירושלים - ב׳ דחול המועד סוכות תשפ״ד



קרעדיט: יוסי פרערויא



הילולת רבינו אין בית המדרש היכל הקודש בית שמש - ב׳ דחול המועד סוכות תשפ״ד



קרעדיט: יואליש קרויס

הילולת רבינו אין היכל הקודש ביתר עלית - ב׳ דחול המועד סוכות תשפ״ד



קרעדיט: ארי ווייס

הילולת רבינו אין בית המדרש היכל הקודש בראכפעלד - ב׳ דחול המועד סוכות תשפ״ד



קרעדיט: שמעי׳ וואקס

הילולת רבינו אין היכל הקודש טברי׳ - ב׳ דחול המועד סוכות תשפ״ד



קרעדיט: אהרן שווארץ

הילולת רבינו אין היכל הקודש צפת - ב' דחול המועד סוכות תשפ"ד



שחרית א' דחול המועד אין שטעטל מיט'ן דיין שליט"א



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: יעקב פיש

הושענה רבה אין היכל הקודש וויליאמסבורג



הושענה רבה אין קרית ברסלב



קרעדיט: אשר לעמל זוסמאן

הילולת רבינו אין שטעטל - ב' דחול המועד סוכות תשפ"ד



קרעדיט: איציק

הושענה רבה אין היכל הקודש בני ברק



קרעדיט: יוחנן שור

משנה תורה אין היכל הקודש ירושלים



קרעדיט: יוחנן שור



קרעדיט: יוחנן שור

הקפות שניות אין היכל הקודש ירושלים



קרעדיט: יצחק ראטה

הקפות שניות אין היכל הקודש בית שמש



קרעדיט: יצחק יונה זאבעל

סוכות אין היכל הקודש קרית יואל פרימישלאן



קרעדיט: נפתלי זאבעל



קרעדיט: נפתלי זאבעל

סוכות אין היכל הקודש קרית יואל אויף העיס קארט



קרעדיט: נתי לב

מען צונעמט די סוכה אין היכל הקודש בני ברק



דער ראש ישיבה באטייליגט זיך ביים חתונה פון מאטי
ראזענבערג הי"ו עב"ג מו"ה שמחה יאקאבאוויטש הי"ו - ג' נצו"י